*is absorbed and genuinely serious. And the*
*people*
*beside me, watching, are clearly moved by*
*this ritual*
*for one single person's death.*

*At the end of the cortege, a raggedly-looking*
*little boy*
*in a grey suit, half-raises his arms, bewildered.*
*I seem to recognise him from some photograph.*
*Down the avenues of Poland*
*oak leaves in the heavy sunlight, burned.*

It all really happened.

1977.


**The "Melbourne Chronicle" - Subscription Form**

SUBSCRIPTION RATES: $6.00 for 1 year (6 issues)

NAME..............................................................

ADDRESS..............................................................

..............................................................

Please send remittance to:

"KADIMAH", 7 SELWYN STREET, ELSTERNWICK, 3185

# Louis Kahan — a Thumb-nail Sketch

By *MORRIS C. DAVIS*, C.M.L.

"Inspiration plays but a small part in the full development of a painting. The picture is carefully devised and worked out, but once begun it is self-generating. What is important is what lies behind the painting."

This is the neatly-phrased message which gives the clue to Louis Kahan's work. To discuss art with Louis is a privilege which leaves a deep and lasting impression. On the surface a quiet and even reticent man, he gives the impression that he is an Army General summing up his opponent. At first one finds oneself battling for definitions, — questions must be clear and carefully poised. Then extracting, I am sure, more from his interviewer than his interviewer from him, words begin to flow in a delightful fashion. The challenge of the discussion, be it on landscape or portrait, etching or stained glass, reveals his true philosophy on art and through this, his philosophy of life.

Born in 1905, in an era leading to the First World War, he learned from his father who was a brilliant tailor, the need for perfection in all things. This training set the pattern of his feeling for design and excellence in drawing. Louis learned his trade with an innate aptitude and he relates how, many years later, when an established artist, he helped in the completion of an emergency tailoring order for his father. As so often is the case of those who achieve, opportunities presented themselves which forged the future pattern of his life, permitting the natural outflow of his talent.

Louis admits that from tailoring it was simple to move to general design and his magnificent success in theatre decor — Menotti's "The Consul" (1952), "The Tales of Hoffman" (1954) for which a Royal Performance was given, were part of this natural development.

Speed and accuracy of representation derive from his experiences while serving in the Foreign Legion at the time when U.S. troops landed in Northern Africa. Some 3,400 black and white portraits were completed at the rate of 20 per day, mostly for wounded soldiers in hospital. Facsimilies of these works, signed by the artist, were sent home to relatives and it was recognised that this contributed greatly to lift the morale of the troops.

His agility with brush and pen were enhanced by this experience and few can equal his ability to create strong and determined charactersation with so minimal a line, "sketches coming to life in the process of execution." One cannot help but be reminded of Pinocchio, bringing his little figures to life. With no preconceived ideas, Louis regards painting as an adventure, constantly involving new paths. He spends more time thinking about the painting than in the execution of the work and the final production acquires a life of its own, representing a dialogue between "the painting and myself." In so doing, one does not have to exclude harmony and beauty from the final product. This does not mean there is no place for ugliness in art forms, but no pigeonholed labels, simply a sheer search for truth. To achieve his purpose, any medium is permissable be it oil, glass, pen or mural. Each can provide a facility for expression.

The struggle for understanding and fight for self-exression comes from the tough school of experience. His mastery of line and contour derives from the background from which he came. Louis Kahan has no time for frivolities, or the tinsellled form. To him a spade is a spade and no other name will do. His art represents a search for truth, untarnished by extrinsic details. He denies the legend that an artist must live with his sitter for months to learn to know him, rather he believes the reverse. The less you know of the sitter's habits, the better and more objective will be your painting. Knowing him indeed may prove a hindrance rather than a help, for character must be conveyed by subjective imagination, and by what one feels. To prove this point, he reveals his only impact with the novelist playwright Patrick White (whose portrait won

the Archibald Prize for Louis Kahan in 1962), was from a few notes he made during a simple two-hour discussion preparing a few sketches for a literary publication.

At that time a portrait was not in his mind. Louis however describes how the face, particularly the eyes, haunted him. The painting was made to get this haunting figure "out of his system" so to speak. The notes made two months earlier were used. There was no sitting, indeed it was only after the painting was completed that the artist asked Patrick White to view the portrait, so to give Louis a chance to compare his concept with the man in life. The ultimate rugged portrait reveals a great personality with absolute truth — its harsh edges, its toughness, its resilience and idealism. It is a magnificent portrayal of a whole of life experience executed with tremendous insight in line, colour and form. Into this portrait, as with so many he has done, goes part of the artist, for it reveals as much the life experience of Louis Kahan as of the sitter.

In his studio with the beautifully lighted windows, the scattered masterpieces leave no doubt of the true identity of the man and his life philosophy. He decries no particular art form, but believes that today there is a return to realism. The minimal painting, the dot, the hard edge, are all matters of fashion, but ultimately the image which the artist creates is his own. He must search and reveal the bare and absolute truth. Realism does not mean a mere copy of what is. Michaelangelo's David, Louis points out, is larger than life, with a head proportionately smaller than the body, yet it remains one of the greatest works of all time.

Much has yet to be revealed in the art of Kahan. A more recent development in the field of etching is masterly, showing a breadth of line and contour which few could encompass. These etchings, many of which have not yet been exhibited, are powerful and exciting. It was a privilege to have been given the opportunity to view them in the presence of the artist himself.

His portraits of children derive from watching his own family at play. While observing their make-believe, he re-lives his own youth over and over again.

This is the immortality of Louis Kahan, artist, family man, psychologist and deep philosopher — relatively inarticulate with word, yet roaring his message of deep understanding with his brush. In all this, Lily his wife, by adding encouragement, softness and colour, plays an important part.

# Souls on Fire: Portraits and Legends of Hasidic Masters by Elie Wiesel (Random House, New York), 1972)

BOOK REVIEW by *PAUL FORGASZ*

Though five years have passed since the publication of this book, like any of Elie Wiesel's works, it is worthy of review and attention at any time.

"Souls on Fire" presents a medley of literary portraits dealing with the zaddikim, the spiritual leaders of the Hasidic community. Elie Wiesel begins with the first zaddik, the Baal Shem Tov (died in 1760) and ends one hundred years after the founder's death with Menahem Mendl of Kotsk (died 1859).

The book is not, strictly speaking, about Hasidim; rather it represents that element of the movement that has so fascinated Wiesel — the zaddik. It is primarily through the zaddikim and their tales that Wiesel views the early rise of Hasidism.

The ritual of story-telling was closely associated with the zaddik. The telling of tales not only aided in the spreading of the Hasidic movement, but was also considered to have great religious value for the teller. Early on

in the book, Wiesel informs the reader of the 'proper' technique for understanding Hasidic tales, and, in a sense, his own book: "Viewed from the outside, all of these tales are incomprehensible; one must enter them, for their truth may be measured only from the inside" (p. 5). Thus, as with his other works, Wiesel's approach is existentialist.

Similarly, here too Wiesel remains possessed by the horror of the Holocaust and he appears interested in attempting to explain that horror by viewing it through the prism of Hasidism. For example, he writes of his Hasidic grandfather, Doyde feig, from whom he learnt many Hasidic tales: "I shall never know whether my grandfather... went to his death singing or dancing for a man, for a child, or for a tale he will never tell" (p. 167). Wiesel may have foreseen the evil lurking: "Menahem Mendl of Kotsk went into seclusion in 1839, a century before the second conflagaration involving entire peoples and continents" (p. 220). Finally Wiesel fights with the torment of having survived the death-camps. Speaking of the Hasidic belief in the miraculous powers of the tale, he asks: "Perhaps we are no longer able to tell the story. Could all of us be guilty? Even the survivors? Especially the survivors?" p. 168). Wiesel's existential anxiety has led him back to the Hasidic tales he heard as a child for an answer. Referring to himself, he writes: "Whether accurately retold or invented outright... (the tales) must be passed on exactly as the narrator received them in his childhood. Clearly it is to relive that childhood that he is telling them in his turn." (p. 5-6).

Fascination with the Hasidic message prompts Wiesel, like Martin Buber, to think seriously about its usefulness for contemporary society. Both Buber and Wiesel draw parallels between the eighteenth and twentieth century religious situations. Buber believed that Hasidism today could continue to perform the same crucial function it had two centuries ago by enabling man to overcome the separation between the sacred and profane elements of his existence.

In Hasidism, through its teaching of what he called "the hallowing of the everyday", Buber saw man being able to fulfil his destiny. Wieself, on his part, feels that the preconditions are ripe for the revival of Hasidism: "All the conditions that existed in the eighteenth century, when Hasidism came into being, prevail again today. Physical and emotional security, fallen idols, the scourge of violence (p. 256). Wiesel is well aware of the failure of contemporary theologies to provide for many a meaningful experiential spiritual framework. His concern therefore is not strictly a question of how one should interpret Hasidism, but rather how one can use it to enrich one's spiritual existence.

"Souls on Fire" is most successful in conveying to the reader a feeling of the vitality and impact of tha zaddikim, and through them of Hasidism. Furthermore, the section of Background Notes (pp. 260-268) is a good account of some primary terms in the Jewish mystical tradition. Finally, Wiesel provides the reader with a most helpful "Synchronology" (pp. 269-275) which juxtaposes significant events in the Jewish and non-Jewish worlds during the early growth of the Hasidic movement.

Whether it be for the already committed student of Hasidic thought, the beginner, or the mere casual observer, this book provides valuable and meaningful insights into a phenomenon that has become part of the religious consciousness of the modern Jewish world.

---

*PAUL FORGASZ is Assistant Director of the Hillel Foundation of Victoria.*

---

* * *

*The "Melbourne Chronicle", published by the Jewish National Library and Cultural Centre "Kadimah", aims to deal with cultural, communal, social, political and religious issues of interest and relevance to the Jewish community.*

*In keeping with this aim, th "Melbourne Chronicle" invites contributions of articles, poetry, short stories, critiques and reviews from all interested members in the community.*

*The opinions expressed by contributors to the "Melbourne Chornicle" are their own and do not necessarily represent the views of the editorial committee or of the Kadimah organisation.*

*FILM REVIEW*

By *K. GETTLER*

# "Hester Street"

Director-Scriptwriter: Joan Micklin Silver.
Photography: Kenneth Van Sickle.

A large number of films have portrayed the experiences and "Culture shock" of new immigrants to America. Each has been careful not to offend any other national group which came to the "New Land" at the same time. The independent production "Hester Street" stands apart from the rest. The film focuses solely upon the life of Jewish immigrants in New York at the end of the 19th Century.
Based upon the novel "Yekl" written by Abraham Cahan in 1896, it does not follow the characteristic American formula of "rags to riches" (or vice versa). It emphasises instead the difficulty of immigrants to maintain their sacred habits and taboos in "educated New York", a difficulty no less common to Irish, Italian and Polish immigrants of that time.

Escaping from the constant persecutions of "Mother Russia", the Jews took with them the spiritual values (which were) forged by their upbringing and environment, values which did not help the majority who upon arriving in the United States found difficulty adjusting to the new environment where the dollar ruled.

These conflicting forces of past and present environments contributing to the sense of "culture shock" are crystallised in the relationship between the new arrival Yankel and his wife Gitl. Yankel (Steven Keats) whose sole aim is to become a true American citizen turns his back upon the values gleaned from his past. He works in a sweat-shop, has a two-roomed flat and changes his name to the more popular "Jake". After three years, he sends for his wife Gitl (Carol Kane). Gitl is totally bewildered by the new surroundings and the new values she encounters. She cannot accept the forces of Americanization. Even when Jake forces her to take off her orthodox wig and her Russian clothes and convinces her to buy more up-to-date ones and a hat with a flower, she cannot understand the reasons behind those actions. In a very moving scene, she is seen to stand alone in the bedroom staring at her reflection in the mirror. She is at that moment undressed, yet still his despotism, and his affair with the money-wearing the new hat with the flower.

The unhappy relationship between Gitl and Jake becomes apparent through his brutality, minded Polish beauty, Mamie (Dorrie Kavanaugh). After each argument, Jake runs out from the flat slamming the door as his final comment on the particular incident. The sound of the slamming door creates a sense of relief, yet at the same time the compressed silence of the room compels one to share with Gitl her feelings of depression and loneliness.

Gitl's dissatisfaction with her marriage is chanelled into a subtle relationship with their boarder, Mr. Bernstein (Mel Howard), a Talmudic scholar who also teaches the Hebrew Aleph-Beth to her son. Jake considers Bernstein to be a half-wit, especially as the latter earns far less that himself despite the fact that they both work in the same sweat-shop. Yet Gitl sees in the quiet scholarly Bernstein the embodiment of her own values. They hardly ever converse, yet one is still continually aware off their innermost thoughts. In one partiscular scene they sit at the table opposite each other and exchange a few sentences. Absent-mindedly, Bernstein moves his hands towards her half of the table. When he sees and recognises the implications of his action, he shamefacely takes back his hand. In their world, to behave differently is unthinkable. Slowly, Gitl is coming to the decision to divorce her husband.

"Hester Street", filmed in black and white, generates a great sense of authencity and credibility. Carol Kane's performance is unforgettable. Her blank face, devoid of any smile, makes one sense the tragic element in her destiny. The photography of Kenneth Van Sickle never lapses into picture-postcard prettiness. Director Joan Silver has selected a handful of unknown actors. Hester Street becomes a living street, not a filmset or decoration, a true picture of the Jewish ghetto in which a few ordinary characters tell us an ordinary story about a particular period in our history, thereby enhancing

the credibility of the film. Perhaps this is slightly marred by the horse and carts which trundle past the street a bit too often. Silver here pays a price for her primitive naturalism.

"Hester Street" is a modest film. It does not offer a psychological labyrinth of the characters, waving their ethnic identity like a flag. The film lacks pretensions. It is only human.


Telephone: 347-2548 Telegraphic Address: "ALITEX" MELBOURNE

# ALITEX PTY. LTD.

Directors: HARRY GOLDENFEIN, STAN KIFFER

*IMPORTERS OF THE HIGHEST QUALITY OF ITALIAN FOOTWEAR*

270 DRUMMOND STREET, CARLTON, 3053

MELBOURNE, VICTORIA, AUSTRALIA



# Royal Melbourne Show

פון דעם 14-טן סעפטעמבער ביז דעם 25-טן סעפטעמבער 1977

אָפן טעגלעך פון 9 פרי ביז 9 אָוונט

- קיין שום נאַכט־אַטראַקציעס וועלן נישט פאָרקומען מיטוואָך דעם 14-טן און דאָנערשטיק דעם 15-טן סעפטעמבער.

אָפּצאָל: דערוואַקסענע — 3 דאָלאַר; קינדער און פענסיאָנערן — 60 סענט.

- פרייע אַטראַקציעס אויפן אָרט.
- גרויסער פּאַראַד פון בהמות.
- כסדרדיקע אַרענע־אַטראַקציעס.
- אויסשטעלונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריעס.
- אָרקעסטער — מאַריאָנעטן — אַלץ פריי פאַר קינדער.
- אַלע שטאָט באַנען און די טראַמווייען 54—57 און 60 פון עליזאַבעט סטריט פירן אייך צו צום פּלאַץ.

אַ סך פּלאַץ פאַר אויטאָס ביי פלעמינגטאָן פערד-געיעגן פעלד, מיט אַ פרייען צופאַר צו דער אויסשטעלונג.

# נאָך קיינמאָל נישט
# איז דער הילפס-פאָנד-אַפּיל
# נישט געווען אזוי וויכטיק
# ווי דעם היינטיקן יאָר

**AUSTRALIAN JEWISH WELFARE AND RELIEF SOCIETY**

466 Punt Road, South Yarra 3141.

**$350,000 — 1977 WELFARE APPEAL**

- Family Welfare Services
- Frances Barkman Houses for Children
- Flats for the Aged
- Sheltered Workshops for the Handicapped
- Adoptions
- Rehabilitation Centre for the Mentally Ill
- Settlement and Establishment of Migrants
- Financial Assistance to those in Need
- Location of Missing Relatives
- Counselling — for those with Problems

**Donations are Tax Deductible**

**30-טער סעפּטעמבער — 3-טער נאָוועמבער 1977**

Registered Office:

**466 PUNT ROAD, SOUTH YARRA**

**Telephone: 26 3727**

האַרץ און ס'דערמאָנט, אַז מיט דעם ליד האָט מיך נאָך מיין מאַמע איינגעוויגט, אַזוי אַלט איז עס... און דאָס בעסטע איז, אַז איידער יאַשאַ ענדיקט דעם וואונטש, ווייסעך שוין וועלכעס ליד כ'וועל הערן... און, אַז איך הער ווי ער זאָגט: מיינע טייערע, ליבע, האַרציקע צוהערער, ווערט מיר אַזוי וואַרעם אונטערן לעפעלע, אַז ס'ווילט זיך וויינען. כ'ווייס, אַז דאָס מיינט ער מיך אויך! נאָר... זעט איר, מיט דעם העברעאישן איז ערגער. מילא, דאָס ענגלישע איז שוין ווי מען זאָגט: „פול ביעדי", כ'פאַרשטייט עס כאָטש. הלמאי זאָל איך לייקענען, דער ספּיקער פון העברעאישן פּראָגראַם האָט אַ פּרעכטיקע, קלינגעוודיקע און אָנגענעמע שטימע. עס איז אַנגענעם פאַרן אויער אים הערן רעדן, אָבער הרגעט מיך, צי כ'פאַרשטיי אַ וואָרט פון דעם וואָס ער זאָגט. פון די אוידיציעס וועלעך זיך נישט אויסלערנען. בחינם זיין מי, טאָ נאָך וואָס צונעמען אַזאַ טייערע צייט פון די יידישע אוידיציעס? און אַז מען קאָן אויף די פינגער אָפציילן די פאָר מענטשן, וואָס פאַרשטייען העברעאיש, וואו איז די זיכערקייט, אַז די מענטשן זיצן און הערן זיך צו?

און ווער ווייסט ווי לאַנג מיך באַקאַנטע וואָלט זיך נאָך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרץ ווען נישט דער נס, וואָס איז געשען. מען האָט אָנגעהויבן קלינגען ביי „מייערסן", וואָס האָט געהייסן, אַז מען גייט פאַרמאַכן די טירן, ווייל עס איז שוין געווען „האַלף פאַסט פייף".

יידישער קולטור-צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
דוד הערמאַן-טעאַטער רעדאַקציע „מעלבורנער בלעטער"
„הזמיר"-כאָר ביי דער „קדימה"
יידישער שאַך-קלוב ביי דער „קדימה"

ווינטשן אַלע זייערע מיטגלידער, לייענערס און אַבאָנענטן, דעם יידישן ישוב אין מעלבורן, מדינת ישראל און כלל-ישראל

**אַ געזונטן און שעפערישן יאָר אין אַ וועלט פון שלום און וואוילשטאַנד**

מיר טרויערן אויפן טויט פון פעדאַגאָג און געזעלשאַפטלעכן טוער

# יוסף גיליגיטש

וועלכער איז געווען אַ זייל אין אונדזער יידיש-וועלטלעכן לעבן; די נשמה פון דער יידישער שול-באַוועגונג אין מעלבורן.

אונדזער טיפסטן מיטגעפיל דער פאַראַבלטער משפחה.

כבוד זיין אָנדענק!

## דער „קדימה"-קאָמיטעט

צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור-וועלט טרויערן מיר אויפן פאַרלוסט פון איינעם פון די פיינסטע ליטעראַרישע שעפער פון געשליפענעם פעליעטאָן, וואָס האָט געהאַט דעם כוח צו דערמוטיקן און אָנרעגן

# ברוך שעפנער

דער יידישער סאָציאַליסט מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, דורכגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלער אחריות.

כבוד זיין אָנדענק!

## דער „קדימה"-קאָמיטעט
רעדאַקציע „מעלבורנער בלעטער"

רחל בעקער

# די יידישע ראַדיאָ-אוידיציעס

(פעליעטאָן)

כ'גיי אַנומלט ביי „מייערסן" און טרעף מיינע אַ באַקאַנטע, קוים וואָס זי האַלט זיך שוין אויף די פיס פון מידקייט, מיט אַ פּאָר פאַרזאָרגטע און פאַרקלערטע אויגן, מיט אַן אויסדרוק פון פּנים, וואָס דערציילט וועגן שטאַרקע איבערלעבונגען. זי דערזעט מיך און איר פּנים צעשטראַלט זיך אַזש פון פרייד!

— גוט וואָס כ'האָב אייך געטראָפן. כ'וועל זיך כאָטש קענען אַ ביסל אַראָפּרעדן פון האַרץ, — וואָס זאָגט איר נישט צו די יידישע אוידיציעס! — שרייט זי אויס מיט כעס.

— אַ פריש אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ! נאַדיר גאָר וואונטש-קאָנצערטן! איז נאָך ווייניק קאָנצערטן מיט די גרעסטע אַרטיסטן, וואָס מען ברענגט אַראָפּ פון אַלע עקן וועלט, צו וועלכע מען קאָן גאָר נישט צוקומען, ווייל אַ „טיקעט" קאָסט אַ „פאָרטשן", — זענען מיר צוגעקומען נאָך אויסגאַבן אויף פּרעזענטער... און אין דעם אַלעם איז שולדיק יאַשאַ. ווען נישט ער, מיט זיינע זונטיקדיקע וואונטש-קאָנצערטן, וואָלטעך געווען פּטור פון אַרומלויפן זוכן פּרעזענטער... און די אויסגאַבן!!!

וואָס וואָלט עס מיך אָנגעגאַנגען אַז מר. גליק איז געוואָרן 50 יאָר אַלט?... זאָל אים וואויל באַקומען, זאָל ער דערלעבן ביז 120. אַז עס איז קיין אוידיציע נישט געווען, איז אַלץ אַדורך שטיל שאַ, ווי ביי דערוואַקסענע מענטשן. וועלכעס אַלטוואַרג שפּילט זיך אין אַזעלכע נאַרישקייטן... „בערטסדייס"! דאָס איז אַ קינדער-שפּיל. ווי לאַנג דאָס יינגוואַרג איז קליין, איז אָלרייט, אַז די מאַמעס מאַכן בערטסדייס. אָבער ווי קומט עס, אַז אַלטוואַרג זאָל זיך אין דעם שפּילן?!

ביז איצט, אַז אַ מאַן האָט געהאַט „בערטסדיי", האָט דאָס ווייב געקויפט אַ פּרעזענט, די קינדער האָבן אים געמאַכט אַ „סורפּרייז-פּאַרטי" און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. דאַכט זיך — זייער שיין. מיין זיידע און מיין טאַטע האָט אַזעלכעס אויך נישט געהאַט.

— אָבער היינט? היינט ווייסט די גאַנצע שטאָט, אַז מר. גליק האָט „בערטסדיי". מיט זיין פרוי שפּיל איך יעדע וואָך אין קאָרטן; איז גיי און זיי אַ חזיר און קויף נישט קיין פּרעזענט!!!

— מילא, כ'האָב אים געקויפט אַ שיינעם פּרעזענט, אַ קראַוואַט. „בעליוו מי", עס איז היינט אויך נישט ביליק. אַלץ איז אַזוי טייער, אַז מען קאָן שוין באַלד נישט צוקומען צו גאָרנישט. איידער דער „גיים" האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך עס דערלאַנגט דער מרס. גליק און איר געפרעגט זייער דעליקאַט: וואָסי, וואָס דאַרפט איר די פּאַבליסיטי? איר האָט דען אייער מאַן נישט געקענט ווינטשן ביי זיך אין דער היים? שטיל, שאַ. גאַנץ מעלבורן מוז דען וויסן דערפון? אָט איז מיינער געוואָרן 60 יאָר (ער איז אַ סך עלטער פון מיר), נו, וועלעך זיך מאַכן נאַריש און אים ווינטשן דורכן ראַדיאָ? וואָסי? כ'בין חלילה מיט אים ברוגז? כ'קען עס אים נישט זאָגן? און דער עיקר — מאַכן מענטשן „טראַבל" מיט זוכן פּרעזענטער... ווייניק פּרעזענטער האָבן מיר צו קויפן, קיין עין-הרע, אָן די אוידיציעס?...

די מינדעסטע חתונה כאַפּט דאָך אַריין אַ הונדערטער, ווי גאָרנישט! זעסטו די מעלדונג וועגן די תנאים — טראָגסטו אַ פּרעזענט; צו דער חתונה — איז דאָך שוין אָפּגערעדט! אין צווישן מישט זיך אַריין די „וויזאַ" — מיינט דאָס אַ פּרעזענט! דערנאָך איז אַ „לינען"-פּאַרטי — מיינט אַ פּרעזענט... אין צווישן דרייט זיך אַריין אַ „קיטשן-פּאַרטי" — איז עס — פּרעזענט! געוואַלט! ווי האַלט מען עס אויס! מען דאַרף דאָך באַגנבענען אַ באַנק עס זאָל סטייען אויף דעם אַלעם.

— אָבער דאָס שענסטע איז געווען, ווען כ'האָב דער מרס. גליק געגעבן דעם קראַוואַט. זאָגט זי: דאָס איז שוין דער פופציקסטער קראַוואַט, וואָס מיר האָבן באַקומען.

— וואָס נאָך האָט איר באַקומען? — פרעג איך.

— וואָס הייסט, וואָס נאָך? — וואונטש-קאַרטן!... אַים מיט וואונטש-קאַרטן! מיין גאַנצער קאָמין (האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אַ רוסיש וואָרט) איז פאַרשטעלט מיט די קאַרטן. און ערשט די טעלעפאָנען!!!! אַ גאַנצן „וויקענד" האָט דער טעלעפאָן נישט גערוט. כ'בין באַלד נישט אַוועקגעגאַנגען פון אים, ווי נאָר יאַשאַ האָט געענדיקט די ווינטשאָוואַניע האָב איך מיר גענומען אַ „טשער" צום טעלעפאָן און אָפּגענומען די גוטע וואונטשן. און עס איז געווען אַ „פּלעזשער" צו וויסן, אַז מיר האָבן אַזוי פיל פריינט און איך בין זייער „העפּפּי" מיט די יידישע אוידיציעס. קודם ווייסט מען וואָס אין שטעטל טוט זיך! עס איז דאָך גאָר אַן אַנדער לעבן! מעלבורן האָט דאָך עפּעס אויפגעלעבט! אַזוי ווי זיך אויפגעוועקט פון אַ לאַנגן שלאָף! מען הערט אַ יידיש לידל, וואָס גיט אַ צופּ ביים

עלעקטראָ-סטאַציעס אין די מערב-לענדער, דינען באַוווסטזיניק אָדער נישט באַוווסטזיניק, די אינטערעסן פון איינפלוסרייכע מאָנאָפּאָלן, און דער עיקר — די אינטערעסן פון די ריזיקע נאַפט-קאָרפּאָראַציעס".

זעט איר שוין באַשיימפּערלעך — אַז קאָמוניסטן ליידן פאַר פרעמדע זינד.

פון היינט אָן — אַז איר וועט זען דעמאָנסטרירן פרויען מיט קינדער, און פרויען מיט קינדער-וועגעלעך — זאָלט איר וויסן: די קינדער-וועגעלעך, די קינדער — דאָס אַלץ איז די אַרבעט פון די נאַפט-קאָרפּאָראַציעס...

מנשה

# פאַר פרעמדע זינד...

(במקום אַ פעליעטאָן)

אַ יידישער דאָקטאָר אין וואַרשע — ד״ר לייפּונער — האָט אָנגעשריבן אַ מאָל אַ בוך: „מיינע פיר יאָר אין דער וועלט-מלחמה״. דאָס האָט ער געמיינט — די ערשטע וועלט-מלחמה. ער האָט אַוודאי נישט געגלויבט, אַז נאָך דער בלוט-באָד וואָס איז פאָרגעקומען, איז עס געווען די מלחמה, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע מלחמות. במילא איז וועלט-מלחמה געווען גענוג... איבערגענוג.

דערציילט ער אין בוך אַן עפּיזאָד:

זיין מיליטערישע אָפּטיילונג איז אַריין אין אַ דאָרף, און ער, ווי אַן אינטעליגעטער מענטש, אַ דאָקטאָר מיט אַ חוש פאַר היגיענע, האָט אָפּגעשטעלט אַ פּויערטע, וואָס איז אַרויס פון אַ הויז, און אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר — וואו איז דאָ אַ קלאָזעט?

— מיר האָבן גאָרנישט — האָט די פּויערטע געענטפערט — אַלץ האָבן די דייטשן צוגענומען...

אויך ביי אונדז איז נישט בעסער: שטרייקן אַרבעטער — זענען שולדיק די קאָמוניסטן; לאָזט מען נישט בויען קיין עלעקטרישע סטאַציע אין ניופּאָרט — זענען שולדיק די קאָמוניסטן, זיי האָבן נישט ליב קיין ליכט, זיי דאַרפן פינצטערניש... (אַן איינפאַל אַ ביסל וואָס מען קאָן אַלץ אויסקלערן...).

אַצינד טומלט זיך מיט אוראַניום: יאָ גראָבן — נישט גראָבן? יאָ פאַרקויפן — נישט פאַרקויפן? און אויב פאַרקויפן — וועמען? פאַר וויפל?

נאַטירלעך — די קאָמוניסטן זענען קעגן אוראַניום. נישט קעגן אוראַניום וואָס ליגט אין דער ערד — אדרבה — זיי האָבן ליב אַז אַלץ זאָל ליגן אין דרערד. צוליב דעם אוראַניום זענען זיי גרייט אויפצושטיין פאַרטאָג און לויפן אין פאָרט אין אַ ביטערער קעלט כדי נישט צו דערלאָזן, מען זאָל דעם אוראַניום אָנלאָדן אויף שיפן. איר שפּילט זיך עפּעס מיט די קאָמוניסטן? אַז עס קומט עפּעס צו צעשטערן, קען דען ווער בעסער די מלאכה?

אַזוי שרייבט די פּרעסע — און מיר — עולם-גולם גלויבן עס.

נאָר דער אמת, זאָגט מען, גייט תמיד אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער — פריער אָדער שפּעטער — ער קומט אַרויס.

אַצינד מוז שוין אַפילו די רעאַקציאָנערע פּרעסע מודה זיין, אַז די אַלע שרייער, טומלער, פּלאַקאַטן-טרעגער, פאַרקאַנעס-צענעמער — די אַלע וואָס זוכן אַ פאַרמעסט מיט דער פּאָליציי, כדי צו שרייען: פּאָליצייאישע ברוטאַליטעט און אַריינציען אין ענין די „אַמנעסטיע״. יאָ, זיי זענען טאַקע גערונגענע אַגענטן, אָבער נישט פון די זעקסערליי קאָמוניסטישע חברות אין אויסטראַליע.

און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע, צו איר אייגענער חרפּה, שרייבט טאַקע:

„דער טשערמען (פּרעדסעדאַטעל — וואָס פאַר אַ טעם האָט טשערמען?) פון דער סאָוויעטישער קאָמיסיע פאַר אַטאָמישער ענערגיע, אַנדרעי פּעטראָסיאַן האָט דערקלערט: די וועלט איז געקומען צו אַ מדרגה, ווען אַטאָמישע ענערגיע איז אַ דרינגענדע נויטווענדיקייט. קאָנטראָלירטע, פרידלעכע באַנוצונג פון אַטאָמישער ענערגיע, אין וויסנשאַפטלעך אָנגעצייכנטע ראַמען, טראָגט נישט אין זיך קיין געפאַר פון ראַדיאָ-אַקטיווע אויסשטראַלונגען.

„דאָס איז נישט נאָר מיין טיפסטע איבערצייגונג, נאָר דאָס איז אויך ענטגילטיק דערוויזן געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט.

„איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אויב עס וואָלט געווען דער מינדסטער חשד פון אַ געפאַר פאַר דער באַפעלקערונג, וואָלטן נישט מיר, און נישט קיין אַנדער סאָציאַליסטיש לאַנד נישט געבויט קיין אַטאָמישע עלעקטראָ-סטאַציעס״.

דער סאָוויעטישער וואָכן-זשורנאַל אין ענגליש „ניו טיימס״, נר. 13 פון יאָר 1976 — וואו די אַרויסזאָגונג פון אַנדרעי פּעטראָסיאַן איז געוואָרן אָפּגעדרוקט, גיט אויך צו איר אייגענע באַמערקונג:

„נישט ווילנדיק מוז מען טראַכטן, אַז געוויסע קריגערישע עלעמענטן, וועלכע זענען קעגן בויען אַטאָמישע

---

אין שפּיטאָל, יולי 1972. עס איז דער לעצטער סך-הכל פון מענטש וואָס האָט דורכגעמאַכט די יסורים פון אַן „ערב-שטאַרבן״ און ער שטרעקט אויס די אָרעמס צום טויט, „ווי הונגעריקע נאָך ברויט און זיי בענטשן זיין טעם און ריח...״

אָבער מיר, לייענערס, וועלן געדענקען דעם גאָטגעבענטשטן פּאָעט יעקב פרידמאַן, וועלכער האָט אין אַזעלכע הערלעכע לידער און פּאָעמעס באַזונגען דעם אוניווערס און דעם גאַנצן באַשאַף:

„מיין ליבשאַפט און מיין טרויער
האָב איך אַיבערגעענטפערט
דעם לאָגל פון שירה...
דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
אַלץ וואָס איז געבליבן פון וואָגל.
עפן שטיל אויף דיין טיר, פאַרטאָג,
און נעם, איך שטוב צו דיר, דעם לאָגל.״

האָבן מיר גענומען דעם לאָגל און דאָרט געפונען אַ סך ריינעם פּאָעטישן גאָלד... נאָך מער: סאָפאָקלעס האָט אַמאָל געשריבן „איינער דאַרף וואַרטן ביזן אָוונט צו זען ווי שיין דער טאָג איז געווען״.

מיר האָבן עס געזען ביי טאָג...

יצחק קאַהאַן

פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן אויסקלאַנג אין וועלכן מיר דערשפּירן דעם צאַפּל פון אַ לעבעדיקן וועזן. זיינע פּאָע־טישע דאַכטעונישן, די פּליסטערנישן פון זיין געמיט; דער חן פון זיין יידיש לשון מיט זיינע קלאַנגלעכע אַסאָציאַ־ציעס, מאַכן אונדז שפּירן דעם לעבעדיקן צאַפּל פון זיין פּאָעטישן פּערז.

ער האָט דורך דעם ריטמיש-מעלאָדישן פלוס פון זיין פערז געזוכט שלום צו מאַכן מיט די אַלע ווידער־אַנאַנדן און סתירות, וואָס גייען דורך אינעם מענטשלעכן לעבן און זוכן, אַזוי צו זאָגן, קאָ־עקזיסטענץ. זענען דען ווידעראַנאַנדן נישט פאַראַן אויך אין דער נאַטור און זיי קענען לעבן צווישן זיך בשלום? איר קענט אָנרופן: ליכט און פינצטערניש; היץ און קעלט; אויפגאַנג און אונטער־גאַנג; שטראָם און גליווער — זיי אַלע זענען אַקצעפּטירט געוואָרן פאַר נאַטירלעכע דערשיינונגען אין אוניווערס. פאַרוואָס זאָל עס זיין אַנדערש ביים בן־אָדם? ווייל ער איז דער בחיר היצירה? איז דאָס דען נישט אַ שטריך פון פּוסטער גאווה אָדער גאָר אַן איינרעדעניש?

אין פרידמאַנס לידער איז דאָ אי די איראָניע און אי דער פּאַראַדאָקס פון דער מענטשלעכער נאַטור צו וועלכער ער האָט אין זיין שאַפן אַרויסגעוויזן אַ באַזונ־דער סענסיביליטעט. מיט זיין מילדער איראָניע האָט ער געקוקט אויף די וואָס באַטראַכטן זיך פאַר גרויסע חכמים, פאַר „אַלץ-ווייסערס". לייענסט זיין פּאָעמע „דער פּאָס־טעך אויפן כרמל", וואו ער זאָגט צו דער פּאַסטושקע:

„ס'ווערט מיד אַ מאָל דער מענטש פון צו פיל
חכמה,
דאַרף מען לייגן צוריק אים אין דער וויג..."
ער זאָגט נאָך מער צו איר:
„— אַזוי פיל ליבשאַפט אין אַלעמען סע קוועלט,
נאָר דער מענטש, דער מענטש איז ערגעץ וואו
אַוועק,
דער בן־אָדם האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער
וועלט...
די גרויסע זאַכן ליגן ליכטיק אָפן — נאָר דער
בן־אָדם איז אין פאַרפּלאָנטערניש פאַרקראָכן..."
(ב. 2, ז"ז 112־113).

אין דער פּאָעמע „זהבה" קערט ער זיך ווידער אום צו דעם גאַנגפון מענטשלעכן לעבן, די א"ג חכמים פון דער וועלט, וואָס מיר באַצייכענען „די גרויסע" און „זי איז גאָרנישט אַזוי גרויס, מיין טייערע..."

דער דיכטער באַזינגט דאָס פּראָסטע ליד פון אַ גערטנערס טאָכטער אין גליל און מיט איראָניע באַ־מערקט ער, אַז אַ ליד דאַרף מסתם זינגען און דערציילן און לויבן די גרויסע לייט וואָס באַשאַפן די געשיכטע... אָבער ער גייט גאָר צו גערטנעריי און פישפאַנג

„און צום פּראָסטן ליד,
וואָרעם פון צו פיל חכמה איז די חכמה
געוואָרן שלעפעריק און מיד."

טראַכט די פּשוטע גערטנערין:

„איז דאָס דער גאַנג פון מענטשנס לעבן?
— און די חכמים, פרעג איך, ווי אַזוי לעבן אויף
דער ערד?
— די חכמים, לאַכט ער (דער פישער־יונג) זענען
אַלע לענדער אויסגעוועזן,
און זיך אומגעקערט מיט לאַנגע, ווייסע בערד"...

דער דיכטער עצהט איר לייכט נעמען דאָס לעבן, אָן חכמה

„ער וועט מיך נעמען, זאָגט ער, צו זיך אין
פישער־הייזל.
— און די סעדער, פרעג איך, וואָס וועלן (זיי)
טאָן אָן מיר?
— מיר וועלן האָבן, זאָגט ער, קינדערלעך,
פישערלעך און גערטנער,
און די שיינקייט וועט וואוינען ביי אונדזער טיר".
(ב. 2, ז' 118).

* * *

דאַרפן מיר אויפנעמען דעם פּאָעט יעקב פרידמאַן, דעם זינגער און זאָגער, וועמענס ליד און פּאָעמע קאָמו־ניקירן זיך מיט אונדז, אויך נאָך זיין טויט, מחמת עס פאַרמאָגט אין זיך דאָס וואָס בלייבט.

נתן אַלטערמאַן האָט געהאַט געשריבן וועגן מהות פון ליד, וואָס דאַרף פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון געבאָטן „וואָס פירן ווי אַ געשפּאַן און צוים ביינאַנד. אָבער דאָך איז די פרייהייט פון ליד, ווי די פרייהייט פון בליץ, וואָס פּרעסט צוזאַמען און צעשפּאַנט". דאָס קענ־טיקט זיך אין אַ ריי לידער און פּאָעמעס פון יעקב פריד־מאַן, וועלכע מיר האָבן באַהאַנדלט און אַנאַליזירט.

יעקב פדידמאַן האָט געטראָגן אין זיך דאָס דער־הויבנסטע פון דער ריזשינער ירושה, אָבער אַן אירע פאַרצווימונגען צו אַ נייער לעבנס־וויזיע. דער פּאָעט וואָס האָט אַזוי טיף אַריינגעבליקט אין דעם פּרצוף פון אונדזער צייט, געזען די „רעדער" פון דער גרויסער מיל (— איז דאָס די וועלט, גרויסער מילנער?)

„און צו יעדן ראָד איז צוגעבונדן
אַ קינד, אַ טאַטע און אַ זיידע,
און אַלע זענען געשריי און וואונדן..."
(ב. 1, ז' 254).

פרידמאַן וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט אַן „אַר־כיטעקט" אין הימל, „פּלאַן" און „ציל", האָט זיך אָנגע־טראָפן מיט אַן „הפקר־מיל". פון איין זייט, אָבער אויך מיט שיינקייט, זיטלעקייט, מסירת־נפשדיקייט און תמי־מותדיקע גוטסקייט פונעם מענטש — פון דער צווייטער זייט. ווי אַ שוואָם האָט ער אין זיך אַריינגעזאַפּט צער און פרייד, שמחה און טרויער, ביז ער איז אָנגעקומען — פּריצייטיק — צום טויער פון טויט.

לייענסט זיין לעצטן ליד („קאַשמאַרן"), געשריבן

ווייל זי האָט נישט קיין מאַמע
און האָט נישט קיין היים... (ב' 1, ז' 121).

אין זיין הערלעכער פּאָעמע „פּרקים נס" האָט יעקב פרידמאַן אַרומגענומען מיט אַזאַ ריטמישן וואוילקלאַנג דאָס געבורט פון אַ ניי לעבן אין וועלכן ער זעט —

„... גאָטס לעבן, פאַרצימצומט, פאַרקליינט,
אין אַ קליינינקער חוה,
וואָס חלומט און וויינט".

זעט ער אין קינד דעם גרויסן געטלעכן וואונדער —

„וואו וואונדערלעך אין־סופיק גרויס
איז גאָט, וואָס קען בויען זיין הויז
אין פּיצעלע גוף פון אַ קינד".

אַרן שטייענדיק אַזוי פאַרגאַפט ביי דער וויג פון קינד צעזינגט ער זיך תהילימדיק צום באַשעפער:

„האָסט די וועלבונגען צעזונט און צעשטערנט,
און אונדזער קליינע ערד אויסגעלערנט
די מוזיק פון זיך קענען געבערן,
לעבעדיק זיך אַריבערטראָגן פון איין גוף
צו אַ צווייטן און ווערן
נאָך אַ מאָל בלוט און בוים, חיה און אדם".

האַלטנדיק זיין קינד אין די אָרעמס און שפּירנדיק אַז ער

„וואוינט אין אירע הויטן.
און איך קוועל, ווייל איך ווייס: נישט פאַראַן
קיין טויטן.
— — און בעת איך שפּאַן איצט מיט מיין קינד
דורכן קאַיאָר
שפּאַנען מיט אונדז אַלע דורות, ביזן לעצטן דור.
און לעצט איז נישט לעצט, נאָר אָנהייב ווידער.
אַזוי זינגען אירע זינגענדיקע גלידער".
(ב. 1, ז"ז 128־129).

פון יעקב פרידמאַנס שיעור קומה ווילט זיך ציטירן איין ליד נאָכן אַנדערן. פיל פון זיי זענען דאָך ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין יעטוועדער אַנטאָלאָגיע. זיין כוח צו קענען מאַכן דעם לייענער פאַר אַ מיט־שותף צו זיינע חזיונות, שפּירונגען, דאַכטענישן און איבערלעבעבישן. אין קורצע אָפּגעהאַקטע שורות, ווי אין ברייטע שורות, באַזינגט ער דעם גאַנצן באַשאַף אין זיין פיל־געשטאַלטיקן פאַרביקן געמעל. און כאָטש ער ווייס, אַז פאַרפּלאָנטערט זענען די וועגן פון בן־אדם, וועלכער שפּאַנט איבער תהומותדיקע שטעגן. אָבער וואוהין דער שליאַך און שטעג זאָל אים נישט פאַרפירן, אויב נאָר די כוונה איז ריין, ווי דער שמייכל פון אַ קינד, וועט ער אַלץ נאָך זיין אַ שמח בחלקו.

עס איז נישט קיין צופאַל וואָס דער פּאָעט האָט איינעם פון זיינע לידער־ביכער אָנגערופן ליבשאַפט. דאָס איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון זיין נשמה און ס'איז געוואָרן פאַר אים אַ לעבנס־פילאָזאָפיע נישט נאָר בין אדם לאדם, נאָר צום גאַנצן אוניווערס, ווי אין פּסוק שטייט: מלא כל הארץ כבודו. יעקב פרידמאַן האָט דעם פּסוק איבערגעשריבן אויף ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעמען אין דער יצירה, וואָס איז דאָך גרויס וואונדער און סוד, ווי אַזוי אַלץ איז געסדרט מיט אין־סופיקער קלוגשאַפט. ער האָט געמאָלן און באַזונגען נאַטור־פּייסאַזשן מיט זייערע לעבעדיקע וויברירונגען פון קלאַנג און פאַרב, אַריינגעפלאָכטן זיי אין דעם צוזאַמענשטעל פון ערד און הימל, מענטש און נאַטור און פון די לאַמעד־וואָווניקעס, וואָס פאַרבינדן די פיין און טרער פונעם מענטש מיט דעם גאָלד און בלוי פון הימל. מיט אַ לירישן ציטער און לירישן צער האָט ער געקוקט אויף די גרויסע שפּיל־פאַרדאַרבערס וואָס נעמען צו דעם טראָפּן פרייד און

„סאַראַ גאָטס רחמנות אויף אַלע קינדער, וואָס
ווילן אַ שפּיל טאָן אַ רגעלע
אין אומהיימלעכן מדבר פון אין־סוף".

פאַראַן פּאָעטן, וואָס דאַרפן זיך אויסבושעווען מיט זייערע טענות צו דער וועלט. וועגן וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי האָט באַמערקט נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם, אַז זיינע פערזן שיינען צו זיין פון אַ יוגנטלעכן פּאָעט, וואָס וויל זיך אויסשרייען און וואַרפט זיך פונקט ווי אַ קינד.

האָט איר דען נישט באַמערקט, אַז ווען מען גיט אַ קינד נישט צו דאָס שפּילגעצייג, וואָס ער וויל גלייך האָבן, הייבט ער אָן בריקעווען מיט די פיס און זוכט נקמה. אויך מאַיאַקאָווסקי, שרייבט זי, האָט געגלויבט אין אַזאַ טאָג וואָס וועט קומען, אָבער עס וועט שוין זיין צו שפּעט. די אַרומיקע וועלן דאַן באַדויערן און יעדער איינער וועט זיך פילן שולדיק לגבי אים, וואָס מ'האָט אים אָפּגעטאָן... פאַר אַ קינד באַטייט דאָס די וועלט פון די דערוואַקסענע, וואָס האָט אים אַזוי שלעכט באַהאַנדלט...

ברענג איך די כאַראַקטעריסטיק צו באַווייזן, אַז יעקב פרידמאַן איז געווען פונקט דער היפוך לויט זיין נאַטור און פּאָעטישן מהות. ער האָט מיט אַזאַ אינערלעכער איינגעבוירענער אידלקייט, עלעגאַנץ און חכמה, מיט אַזאַ שמייכל אויפגענומען די מענטשלעכע שוואַכקייטן פון קינאה־שינאה. און אז ער האָט שוין יאָ געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אַ חבר, האָט ער עס איינגעהילט אין אַזאַ וואַרעמקייט און דינקייט, חלילה נישט וויי צו טאָן יענעם. להיפוך צו די וואָס זוכן זייער אָרט אויבנאָן, האָט יעקב פרידמאַן זיין גרויסקייט אין קליין פאַרשטעלט. ער האָט אויסגעמיטן דעם שטאַרקן זאָג און גראַדע די טאָג־טעגלעכע ווערטער האָבן באַקומען אין זיין ליד אַן אויפפלאַם ליכט.

מיר ווייסן, אַז לשון באַשטייט פון אַ גרויסע צאָל אויסגעאַרבעטע פראַזן, ווערטער־קאָמבינירונגען, געפּורעמט דורך לאַנגע דורות ביז זיי זענען צו אונדז געקומען. יעקב פרידמאַן האָט געקענט שאַפן די פּאָעטישע לופט אַרום די פּשוטסטע שורות. זיין פּאָעטישע דיקציע

נאָר ווי אַזוי האָב איך געקענט עפּעס געפינען,
אַז איך אַליין בין אין ערגעץ נישטאָ...״

און אַזוי איז ער ממשיך זיין חלום צווישן בערג, אויסרעכענענדיק די טעג פון מיטוואָך, דאָנערשטיק, ביז ער טרעפט די וואָס קומען

„פון די פּאַראַיניקטע שטאַטן
צו זוכן צווישן קלויזן, קלויסטערס און מעטשעטן
דעם הימלישן טאַטן, נאָר געפונען האָט זי מיך...
— — — און גוט איז מיר געווען אַ פולע שעה.
כאָטש גאָט איז נישטאָ.
און די וועלט... איך וויל נישט טראַכטן פון דער וועלט אַצינדער. ס'איז נאַכט און די נאַכט איז אַ וויג
וואָס פאַרוויגט אונדז ביידן ווי קינדער״.

און אָט איז שבת אין מאה שערים. דוכט זיך אים „עס וויינט די מלכה־שבת״. און זי (די אַמעריקאַנערין מערי) זאָגט:

„די פּוסטקייט אין אונדז וויינט,
די פּוסטקייט פון אַ פאַרלוירענעם דור״.

גייען אַוועק אין דער פּאָעמע מעדיטאַציעס וועגן מענטש און מענטשהייט אין איר

„שפּאַצירן דורך הר־הציון און ווירוואַרן,
דורך אַלע לונאַ־פּאַרקן און חוזק־מאַרקן״...

אויף דער פראַגע „צי איז די מענטשהייט דען אַן אַמניבוס?״ (עמערסאָן), קומט זיין ענטפער וועגן דעם גיגאַנטישן קנויל,

„אַ געקנויל פון מיליאַרדן שטיקער
יאָמערדיקע פליישן, אַריינגעשליידערטע
אין ברענענדיקן צירק פאַר משוגענע וועלף.
נישט פאַראַן קיין שולדיקע, מערי.
אפילו וועלף זענען בעל־כורחס וועלף
און צירק מוז זיין אייביק צירק״.

און דער סוף פּסוק פון די מעדיטירונגען, ווען זי פרעגט אים:

„ווער ביסטו, ווער?
— דער אומזין, מערי,
וואָס גאַרט נאָך זין,
די שפּין, וואָס וויל אַרויס פון איר געשפּין.
דער שטערן אין ים, וואָס ציטערט ווילד
און פּילט: ער איז בלויז דאָס שפּיגלבילד
פון עמעצנס ווייטן פאַרהוילענעם פּנים.
איך בין חלום וואָס געדענקט נישט זיין נאָמען.
איך בין אַ ליידיקער טעמפּל, אַ פאַרגעסענער
קרבן
וואָס ווייס נישט פאַר וועלכן גאָט מען האָט
געבראַכט אים דאָ שטאַרבן... (ב׳ 1, ז״ז 273־282).

דעם חשבון הלעבן מיט אָט די פילאָזאָפישע אויס־קלאַנגען, האָט יעקב פרידמאַן אַרויסגעבראַכט מיט פראַ־זאַדישער גראַטעסקייט, באַגלייט מיט דעם ריטעם פון די באַזונדערע אַקצענטירטע רייד און מיט אַזאַ סענסיטיווקייט צו די ניואַנסן פון יידישן וואָרט. זיין סוגעסטיווע בילדלעכקייט גיט זיך איבער דעם לייענער, וואָס ווערט געדאַנקלעך און עמאָציאָנעל געפאַנגען אין דער פּאָעטישער נעץ.

אין דער פּאָעמע איז דאָ אומדירעקט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס האָט פּאָעזיע צו טאָן אין אונדזער טעכנאָלאָגישער געזעלשאַפט? ווען מען לייענט אַזאַ פּאָעמע, וואָס איז אַ באַזונדער וועלט מיט אירע אייגענע טערמינען, אָבער דאָס וואָס איז פאַראַן אין איר תוכיק — איז דו און איך, וואָס זוכן אויסצופלאַסטערן זיך אַ וועג דורך די גרוילן פון אונדזער צייט. דאָ איז נישט דער גראַם, נאָר דער נשמה־ריטעם פון פערז און דער קלאַנג פון די ווערטער, וואָס גייען צוזאַמען מיט העכערן תכלית פון אונדזער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

יעקב פרידמאַן דער פּאָעט האָט אויך געהאַט די מעלה צו זיין אי ראָמאַנטיקער אי דער אַנטי־ראָמאַנטיקער. איראָניע און ראָמאַנטיק, פילאָזאָפישע מחשבה און לייכטע שפּילעוודיקייט האָבן זיך געפונען אונטער איין און דעם זעלבן דאַך. אָט האָט ער זיך איבערגערופן מיט משה לייב האַלפּערן אין אַ וואָויל־יינגערישער איראָניע; אָדער מיט דער שפּילעוודיקער לייכט־טאַניקער ראָמאַנטיק פון איציק מאַנגער.

נעמט אַזאַ פּאָעמע ווי „אַ חלום אין קפּריסין״, דער שמועס מיטן ייִדן וואָס זוכט אים צו דערמוטיקן, אַזוי אויך די אַנדערע וועלכע דער דיכטער באַגעגנט אין זיין חלום. עס דערמאָנט אונדז אין מאַנגערישן ווייכן פערז מיט זיין מילדער איראָניע און לירישער צערטלעכקייט.

פּאָעזיע האָט טויזנט פּענצטער, פאַר אַלע אופנים צו זען די וועלט, דעם מענטש, די נאַטור. און אין יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע איז די ייעלט נישט אָפּגעשפּיגלט ווי אַ פאַרגליווערטער זיין פון אַ פאַרפרוירענעם טייך. לעבן איז אַ כסדרדיקער שטראָם פון ווערן, פון געבורט און פאַרגיי. עס איז גורלדיק פאַרברודערט מיט אַלץ אינעם אוניווערס: מיט דער חיה און מיט די צמחים און פּאַסטאָראַלער לאַנדשאַפט. דער פּיאָלעט און גרינקאַליר פון צעבליטן ציטרין־בוים איז פאַרברודערט מיט דער יצירה — איין גורל פאַר אַלעמען: לעבן און טויט.

„טאַנצט אַ לייב,
געגלידערט פון פלאַמען, זיין קול איז אַ פלייט,
וואָס וויינט צו דער מאַמען. איז ווער איז דאָ לייב,
און ווער איז דאָ קינד?
ס'איז איין זעל און איין לייב,
און אַן איינציק געזינד. ס'איז איך און דו
און זי און ער אַן איינציק געוואָי
און אַן איינציק טרער. און די טרער אין מיין אויג
שטייט אַליין. זי איז מיין און דיין און זיין,
און זי איז יעדנס געוויין. פאַר וואָס וויינט די וועלט
אַזאַ גרויס געוויין?

און אויך פון אַ ווייס-געקליידעטן מקובל. און אינעווייניק, ביים פענצטער —

„ער זאָל לעבן שטייט אין שויב מיט זיין ליולקע-ציבעק און הייליקע פונקען פליען,
העכער פון העכער.
פייגל גאַפּן אַראָפּ פון די דעכער״.

אויפן בילד וואַקסן די פאַרבן-פלעקן פונעם שטאָט-משוגענעם און פון צעקלונגענעם קלויסטער-גלאָק, פון אַ קריסטלעכער לוויה —

„מ׳טראָגט אַ פגר
לעבן הויף פאַרביי...
קינדער לויפן פון חדר,
שטעלן זיך אָפּ און טוען אַ שפּיי״.

אין די פיר קורצינקע שורהלעך — אַ פול בילד אין סטאַקאַטע סטיל.

אין „הויף״ שושקעט מען זיך וועגן רבי בער פון ליעווע, וועלכער איז אַרויס לתרבות רעה. עס פאַלן ווערטער: טשערנאָוויץ... ד״ר רייטמאַן...

„ס׳רוישן קאַפּאָטעס — אַ טונקעלער וואַלד.
ז׳וואָר, דער סאַדעגערער האָט באַפוילן
דעם ליעווער ברענגען בגוואַלד?״
(וועגן ליעווער רבין זענען דאָ עטלעכע דראַמעס).

אהרן סטראַטינער, וועלכער האָט אויך געלערנט אין טשערנאָוויץ לאַטיין און שפּינאָזען, איז נאָך דאָ צווישן די הויף-בחורים. ער הענגט צווישן צוויי וועלטן: זיך געשניטן אויף אַ מקובל און אַוועק צו לאַטיין און צו שפּינאָזעס עטיק, זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון די קייטן:

„דאָס האַרץ טיאַכקעט,
טיאַכקעט מיט אַזוי פיל ווייַ...
אונטן אין קלויז לערנט מען דעם רמב״ם...
און איך אויפן בוידעם מיט שפּינאָזען — — —
שטיי אין מיטן סאַמע
און ווייס, אַז ביידע זענען גערעכט״.
(ב׳ 2, ז״ז 140-147).

די פּאָעמע איז טיף כאַראַקטעריש און פּאָעטיש וועגן די שפּאַלטן אין די רעליגיעזע מויערן און באַהויכט מיט דער שטייגערישקייט פון דער רביישן הויף. אין דעם אָפּטייל זענען פאַראַן לידער אין עפּישן נוסח וועגן שפּאָלער זיידע, וועגן קאָצקער און סאַסאָווער מיט זייער באַזונדערע דרכים. דער דיכטער וויל אין יידיש-טייטש נוסח פון זיין באָבעס תפילה אויך אָנשליסן זיין געבעט —

„פאַר געזאַנג פון מיין האַרצן,
פאַר מיין יידיש ליד וואָס גאַרט: ס׳זאָל טאָן רוען אויף דעם
דער הייליקער חן,
די גנאָדיקע פראַכט
פון דוד דעם פּאַסטעכס
גאָלדענער האַרף,
וואָס טוט זינגען צו כביכול
און זיין אייביק געווערק״... (ב׳ 2, ז׳ 156).

אין פרידמאַנס פּאָעטישער ווירטשאַפט וואוינען צוזאַמען אמונה און סקעפּטיק. ער געהערט אויך צו דער גרויסער מחנה גאָט-זוכערס. צי האָט ער אים געפונען? אויף דעם פאַסט זיך דער ענטפער, וואָס אַ דראַמאַטורג האָט באַקומען אַ מאָל פון אַ טעאַטער-אַגענט וועלכער האָט געזאָגט צו אים:

„זוך נישט אונדז: מיר וועלן דיך רופן״...

אַז מען וויל איז דאָס אין גייסט פון תנ״ך, ווען גאָטס וואָרט האָט גערופן צו די נביאים.

דאָס איז געווען אַ מאָל. אָבער היינט? ביים סוף פון זיין לעבן באַמערקט דער פּאָעט:

„מיינע הענט זוכן אין אַלטע בלעטער
גאָטס נאָמען... ווי אַזוי האָט ער
געהייסן גאָט?... אַ מאָל האָט ער געוואוינט
אין אַלע וואַסערן,
אין אַלע ביימער און גראָזן.
היינט זענען אַלע זאַכן לידיק,
ווי פרוכטן פון וועלכע די זאַפטן זענען אויסגערינען.
און איך — — — איך וויל קושן די אייביקייט,
נאָר זי האָט נישט קיין גוף און קיין פּנים״.

דערציילט דער דיכטער ווייטער ווי ער קוקט אַריין אין דער אין.סופיקער אָנפּנימדיקייט און „טיף-טיף-טיף כליפּעט אין מיר: ווער בין איך? ווער?״ דאָס איז דער סוף פּסוק פון זיינע לעצטע לידער (סוף 1971). דער בן-אדם איז דאָך בבחינת

„די בלינדע (וואָס) לאָזן אַראָפּ די קעפּ
און טאַפּן די שליאַכן
מיט קרומע שטעקנס,
און לאָזן זיך אין וועג״...

און יעקב פרידמאַן האָט געשפּאַנט מיט זיי —

צווישן דערשראָקענע וועלדער און שטערן.
און אין מיין ציטערדיקער האַנט
מיין עלטער-עלטער זיידנס לאַמטערן,
אין וועלכן דאָס לעצטע ליכט
איז פאַרלאָשן...״

אין זיין לעצטער לענגערער פּאָעמע „אַ חלום צווישן בערג״ איז דער פּאָעט זיך מתוודה פאַר דעם האַר פון דער וועלט:

„איך האָב געוואָגלט דורך קרוינשטעט און לענדער,
ביז איך האָב צו ירושלימס געבערג דערקלעטערט.
געטראַכט האָב איך: דאָ האָבן אַזוי פיל געטער
געגעטערט,
אפשר וועל איך אויך געפינען אַ קרישקעלע גאָט,
אַ זערנע אויסגעווייטלטע שעה.

יצחק קאַהאַן

# יעקב פרידמאַן — דער פּאָעט בחסד עליון

### צו זיין פינפטער יאָרצייט

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז אין דער קונסט, בפרט אין פּאָעזיע, שאַפט זיך אַ בליץ-מאָמענט (ווי פון אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט) פון דאָס געשעענע און אויפ-געהיטענע פון די פריערדיקע דורות, מיט דעם עפּעס, וואָס איז אָקאָרשט געשען אין דעם לויפנדיקן מאָמענט.

דער לויפנדיקער אָקאָרשטיקער מאָמענט, וואָס איז אוניקאַל אין זיין מהות, גייט אַריין ווי אַ באַשטאַנד-טייל אין דעם צייטפלוס פון געשיכטע. עס וועט ווארשיינלעך זיך מער נישט איבערחזרן, אָבער עס איז פאַראייביקט געוואָרן, מחמת עס איז געוואָרן אויפגעכאַפּט דורך אַ שאַרף-עמפּינדלעכער קינסטלער וועלכער האָט מיט זיין אויג און אויער עס אויפגענומען און עס איינגעקריצט אין זיין געמיט און זכרון, ווען עס האָט זיך אויף אַ מאָ-מענט אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסן פּונקט פון דער גע-שיכטלעכער ליניע.

דער פּאָעט — און יעדער עכטער קינסטלער — וואָס האָט באַוויזן דעם דורכשוועבנדיקן מאָמענט צו פאַראייביקן אין זיין שאַפן, באַקומט זיין שכר, אויב נישט ביי זיינע מיטצייטלער — איז ביי די קומענדיקע דורות, וואָס שאַצן אָפּ די באַדייטונג פון דעם פּאָעט, וועלכער האָט באַגעגנט און פאַרפיקסירט דעם אוניקאַלן מאָמענט אויף אַ קינסטלערישן אופן פאַר דער אייביקייט.

און דאָס באַציט זיך צו אַ ריי לידער און פּאָעמעס פון יעקב פרידמאַן.

אין זיין גרעסערער פּאָעמע „סאַדעגערע" וויזט אונדז דער דיכטער דעם סאַדעגערער הויף מיט אַזאַ לע-בעדיקייט פון בילד, פון אינטענסיווער שטימונג און טיפן אַריינבליק אין די גייסטיקע פּאָרטרעטן פון די סאַדעגערער פערסאָנאַזשן: ר' בונים, אברהמל בורשטי-נער, אהרן ישראל, ר' זיינוועלע און די אַנדערע יושבים ביים רבינס טיש, וועלכע שפּאַרן זיך וועגן דעם האַרבן פילאָזאָפישן ענין פון בחירה.

עס פאַלן שאַרפע ווערטער און דעם רבינס קלויז טוט זיך אַ וויג:

„אָמפּערנדיקע בערד און פאות אויף די ווענט —
קרימען שאָטנס נאָך
מיט משונהדיקע העוויות".

דער שטורעם ווערט אויף אַ וויילע שטיל דורך ר' זיינ-וועלס שמייכל: „מה רעש?... מילא". ער באַטראַכט די זקנים ווי אַלטע קינדער און גייט זיי איינעמען מיט אַ שמעק טאַביק.

דאָס איז אַ בילדל פון אַן ערב יום-כיפּור. און דער דיכטער וואַרפט אָן מאַלערישע שטריכן פונעם דרויסן, וואו —

„דער אַלטער באַרנבוים
כאַפּט זיך אויף אין די שויבן".

אין דעם ערב יום הקדוש טוט זיך מעשים. אויף דעם רבינס הייליקן דאַך

„פליען וואָרקנדיקע טויבן,
פלאַטערן צום פּאַליש".

דער פענדזל פון מאָלער צייכנט דעם עזרת נשים:

„צו דער ווייבערישער שול
מיט תחינהדיקע געזיכטער,
איילן גבאיטעס, פולע הענט מיט וואַקס,
צום קנעטן יום-הקדושדיקע ליכטער".

דער הויף ווערט פול מיט חסידים, וואָס דערלאַנ-גען זיך שלום. מען נעמט זיך אַרום און מען טאַנצט אַ וואָלעכישן ריקוד.

אינעם גאָט-בילד איז דאָ דער שטאָט-משוגענער

---

אַ גראַד פון חוזק... און ער אַליין: וואָלט ער אויף דעם אַנדערש געקוקט, ווען נישט אינעווייניק וואָלט עס נישט געגליט ווי הייסע קוילן... און אויב זיי וועלן נישט זיין קעגן — צי וועט ערגעץ נישט טליען אַ שטילער פאַר-דרוס, וואָס פנינה איז אַוועק מיט אַ „פרעמדן", אַ דרויסנ-דיקן און נישט מיט קיין סאַברע?

און אירע עלטערן: ווי וועלן פנינהס עלטערן קוקן אויף דעם ענין? איז ער דאָך אַ סך עלטער פון איר?

קלערנדיק אַזוי, האָט ער זיך דערטראַכט, אַז אַלע זיינע יאָרן און זיינע ניינען שטאַמען פון דער אַלטער וועלט, פון וועלכער מען האָט אים בגוואַלד אָפּגעריסן און וועלכע איז שוין אָבער מער נישטאָ. און ווי תמיד, ווען ער האָט נישט געקאָנט צוזאַמענעמען די געדאַנקען, ווי מען נעמט צוזאַמען ריטלעך אין אַ בעזעם — אין גאַנצ-קייט — האָט ער זיך פאַרלאָזט אויפן אַלטן זאָג:

— דער פרימאָרגן איז קליגער ווי דער אָוונט...

* * *

צומאָרגנס איז שוין ליפע נישט געווען מער זיכער — אַז דער פרימאָרגן איז טאַקע קליגער: פון מזכירות האָט מען אים איבערגעגעבן אַ בריוו, וואָס איז פאַר אים נאָר וואָס אָנגעקומען. ליפע האָט אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט באַמערקט די סאָוויעטישע בריוו-מאַרקע. אינס-טינקטיוו האָט ער זיך אַרומגעקוקט:

— גוט, וואָס פנינה איז נישטאָ דערביי...

דער בריוו איז געווען פון ציליען...

מ. אייזענבוד

עס איז דאָ אַ נאָענטקייט צווישן זיי, כאָטש גערעדט דערפון האָט מען נישט.

זיי האָבן געשוויגן.

ליפען האָט זיך געגלוסט עפּעס זאָגן, עפּעס אַ באַנאַלקייט וואָס זאָל צעיאָגן דעם אומעט וואָס איז ווי אַ שווערער וואָלקן געהאָנגען צווישן זיי.

ער האָט זיך דערפילט אין קלעם און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט נאָך אַלץ געזוכט דאָס וואָרט, וואָס האָט דווקא זיך נישט געלאָזן כאַפּן פון אים.

— נו — האָט פנינה נישט אויסגעהאַלטן די שפּאַנונג פון דער שטילקייט — וואָס וועסטו ענטפערן אויף זיין אָנבאָט?

ליפען איז לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. ער האָט דערשפּירט: פנינה האָט אויפגעמאַכט אַ טירל; זי האָט לויז געמאַכט די פּרוזשינע פון דער פאַסטקע, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין געפאַנגען און נישט געקאָנט אַרויס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט וואַרעמע, פייכטע אויגן. איר גאַנץ וועזן איז געווען אָנגעשפּאַנט ווי אַ בויגן. זי האָט דערוואַרט זיין ענטפער.

— איך? — האָט ליפע גענומען זוכן דאָס וואָרט וואָס זאָל כאָטש איצט, דאָס מאָל אַרויס אויף גאָטס וועלט מיט ישוב הדעת און ער זאָל נאָכער נישט האָבן קיין צרות. — איך וועל בלייבן דאָ, אויב דער קיבוץ וועט מיך וועלן אָננעמען ווי אַ חבר.

פנינה האָט פאַרגעסן די אַלע אָנזאָגן, וואָס זי האָט זיך אַליין פאַרזאָגט: נישט אַרויסווייזן אירע געפילן; דאָס פאַרבאָרגענע ווייבלעכקייט וואָס האָט אין איר גענורטעוועט און געזוכט אַן אויסדרוק, האָט זי הערמעטיש צוגעשרויפט, כאָטש געשפּירט האָט זי — דעם אינערלעכן דרוק וועט זי סוף כל סוף נישט אויסהאַלטן. צווישן די אָפּגערעדטע געזעצן וועלכע זי האָט מיט זיך אויסגענומען, איז אויך געווען: צוימען זיך. נישט דעמאָנסטרירן געפילן, ביז ליפע אַליין וועט אויסשטיין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד און וועט אויסקלייבן זיין דרך אין לאַנד: נאָך יאָרן זיין אָפּגעזונדערט אין וואַלד, וועט אים לאָקן די שטאָט; מיט איר צאַפּלדיק לעבן; דער ווירוואַר; די נעאָן-ליכטער; אָנשטאָט צווישן ביימער, זיין צווישן מענטשן. אָדער: נאָך יאָרן זיין פאַרפאָלגט אין וואַלד, וועט ער אפשר זוכן רו אין שטילן דאָרף — כאָטש אויך דאָ וועט ער מוזן דורכברעכן געוווינהייטן, זיך אָנטרעפן אויף פּראָבלעמען. זי האָט אויסגעמיטן איר דירעקטן אַריינמיש אין זיין איבערפלאַנצונג. אפשר האָט ער נאָך ערגעץ אַ פאַרבינדונג פון וועלכער ער מיידט אויס צו רעדן, און דאָס קאָן זיין אַ סיבה ער זאָל זיך מיט אַ מאָל טאָן אַ ריס אָפּ און אַוועקגיין, מיינענדיק: אויף אָט דער באַגעגעניש האָט ער געוואַרט אַלע יאָרן; אַז דאָס איז אייגנטלעך געווען דער כוח, וואָס האָט אים געהאָלפן דורכלעבן די שווערע וואַלד־יאָרן, ווי אַ פּאַרטיזאַן. דאַרף זי ווערן די אייזערנע קויל צוגעשמידט צו זיינע פיס, וואָס וועט אים שטערן אין פלי?

יאָ. פנינה האָט פאַרגעסן די אַלע אָנזאָגן — וואָס זי האָט זיך אַליין פאַרזאָגט. זי האָט פשוט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, גייענדיק אויפן שמאָלן בריקל פון לאָגיק און איז אין איר גאַנצער גרויס אַריינגעפאַלן אין ראַשיקן שטראָם פון געפילן. זי האָט פאַרוואָרפן ביידע הענט אַרום ליפעס האַלדז און אים גענומען קושן מיט גליענדיקע ליפּן, איבערן גאַנצן פנים. ליפען האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אָט דעם אויסברוך, פון דער צעבושעוועטער כוואַליע וואָס האָט אים פּלוצלינג אָפּגעגאָסן און ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

ווי אַ שווימער, וואָס ווערט מיט אַ מאָל אַריינגעצויגן אין וואַסער־געווירבל — האָט ער אויף אַ רגע פאַרלוירן די אָריענטאַציע פון דער ריכטונג. אַ רגע שפּעטער אָבער, האָט ער שוין אויף קלאָר געוואוסט, אַז די צעבושעוועטע כוואַליע פון פנינהס געפילן וואָס האָט אים נאָר וואָס אָפּגעגאָסן מיט וואַרעמער פרייד — איז דער אויסדרוק פון ליבע, וואָס האָבן געוואַרט אויפן פּאַסיקן מאָמענט אַרויסצוקומען אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. זי האָט איינגענורעט איר קאָפּ אין זיין אָפענער, האָריקער ברוסט און טרערן פון פרייד האָבן געפינקלט אין אירע אויגן.

— דער קיבוץ וועט זיין אונדזער היים — האָט ער איר איינגערוימט אין אויער — די היים פון נייעם מענטשן, וואָס איז די רגע געבוירן געוואָרן...

* * *

די נאַכט האָט ליפע שאַפּיראָ נישט געקאָנט שלאָפן. עס איז געשען דאָס — נאָך וועלכעס ער האָט געבענקט אין משך פון וואָכן; שוין באַלד חדשים, זינט ער איז אין אולפן. זינט ער האָט מיט יינגלערישער נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען; איר בליק — וואָס איז געווען ווי די זון וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויפן וואַנט. און אַוואו ער איז געפאַלן, האָט אַ ליכטיקער פלעק אַ צאַפּל געטאָן. ווי אַ קינד, וואָס יאָגט זיך נאָך נאָכן העזעלע אויף דער וואַנט, האָט ער זיך געיאָגט נאָכן זוניקן צאַפּל פון איר בליק און געפּרוּווט זיך וואַרעמען אין אים. וואָלט ער געזען ווי אַ קינד יאָגט זיך נאָך נאָכן זוניקן העזעלע אויף דער וואַנט, וואָלט ער נאַטירלעך מיט דער קלוגשאַפט פון אַן עלטערן געשמייכלט. אַן אָפּטישע אילוזיע.

נאָר אָט: דאָס קינד האָט טאַקע געכאַפּט דאָס העזעלע אויפן וואַנט...

צו דעם איז ער לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט. עס האָבן אים גענומען מאַטערן ספקות: וועט דער קיבוץ אים אָננעמען? וואָלט ער געקומען מיט אידייאישע מאָטיוון — נו, אַזאַ זאַך לאָזט זיך דערקלערן, איבערצייגן. צי וועלן זיי אָבער וועלן אַריין אין תוך פון דעם ענין — אַז דאָס קינד האָט געכאַפּט דאָס העזעלע אויפן וואַנט? דאָס איז אפשר אַן ענין פאַר פּאָעטן, אָבער אויסגעפּראַצעוועטע קיבוצניקעס וועלן אַוודאי קוקן אויף אים מיט

הויז; אַ פרוי און קינדער. ער — ווי ליפּע, שרייבט אָפּט אין זשורנאַלן: אַ ליד, אַ מעשה. דאָס זעט איר אויס ווי אַ קינדער־קראַנקהייט, פון וועלכער די צוויי חברהלייט האָבן זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. זינט ליפּע האָט אים אָבער געשריבן וועגן פּנינהס שוואַכקייט פאַר בריוו־מאַרקעס — שיקט ער בריוו מיט פאַרשידנאַרטיקע מאַרקעס, וועלכע ער קלעבט אויס ווי אַ מאָזאַיִק. זי האָט זיך אַפילו געכאַפּט, אַז זי האָט סימפּאַטיעס פאַר אָט דעם ווייטן מענטשן, וואָס איז מיט ליפּען אויפגעוואַקסן געוואָרן כמעט אונטער איין דאַך. ווייל אָט: אַ פרעמדער מענטש, און האָט תמיד איר אין זינען, ווי נאָר ער נעמט זיך שרייבן אַ בריוו צו זיין פריינד. דער איצטיקער קאָנווערט זאָגט עדות דערויף.

פּנינה האָט געקוקט ליפּען אויף די הענט. געצייטערט ער זאָל ביים אויפמאַכן דעם בריוו נישט באַשעדיקן די מאַרקעס.

— רגע — ברען נישט. — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר — לאָז מיר כאָטש אַרויסנעמען דעם בריוו — האָט ער זיך געבעטן.

אַזוי האָבן זיי זיך איינגעטיילט: איר — בריוו־מאַרקעס; אים — די בייגעלעך פּאַפּיר פאַרשריבן מיט מאַשין־שריפט.

געוויס. אויך די שרייב־מאַשין האָט פּנינה נישט געוואָלט אָנערקענען ווי אַ צייכן פון שכלדיקער דערגרייכונג. אין אירע אויגן איז עס געווען נאָך איין באַווייז פון סאַשעס קליינבירגערלעכקייט...

— מיט אַ שרייב־מאַשין — האָט זי געגעבן ליפּען צו פאַרשטיין — דאַרפן זיך באַנוצן אָפיציעלע אַמטן. אַ דאָקומענט דאַרף מען שרייבן ווי געהעריק. דער מזכירות פון קיבוץ פאַרמאָגט אַ שרייב־מאַשין. אַ גאַנצער קיבוץ — אָבער נישט איין מענטש. אַ חוץ אַלעמען: אַ בריוו געשריבן מיט אַ מאַשין לאָזט קאַלט. דו קאָנסט נישט דערקענען דעם מענטשנס כאַראַקטער... נישט די שטימונגען ביים שרייבן... פילסט נישט ווען דאָס האַרץ ציטערט אים, ווען דאָס וואָרט רייסט זיך אַרויס פון אונטער דער פעדער קעגן זיין ווילן...

— איז עס פּסיכאָלאָגיע אָדער פּאָעזיע? — האָט ליפּע סתם אַזוי אַ פרעג געטאָן.

— קליינבירגערלעכע קונצן — איז שוין פּנינה געוואָרן צוריק זי — זיך באַווייזן מיט אַן אייגענער שרייב־מאַשין...

ליפּע האָט שוין כמעט אַלץ געוואוסט, וואָס מיט סאַשען האָט פּאַסירט זינט יענעם פרימאָרגן, אויפן דריטן טאָג פון דער מלחמה, ווען די דייטשן האָבן גענומען מאַרשירן אויף רוסלאַנד. זיי האָבן זיך דאַן נישט געזעגנט. זיך אָנגעקוקט און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. געמיינט — אָט, ס׳וועט דויערן אַ טאָג, צוויי — און זיך מער נישט געזען.

סאַשע האָט אויך קיין האָניק נישט געלעקט, כאָטש אויף רוסישער ערד. עס איז געווען הונגער, און קריגסגעריכט, און פאַרשיקונג אין אַרבעטס־לאַגער, און סיביר.

— פאַר אַ נאַש בראָט איז אומעטום געווען צרות — מאַכט שוין ליפּע דעם חשבון פאַר ביידן.

אַצינד שרייבט שוין סאַשע קאַפּלאַן וועגן זיין לעבן אין אויסטראַליע. פאַרטיפט אין לייענען האָט ער נישט באַמערקט, אַז פּנינה האָט זיך שוין אָנגעפּרייט מיט די בריוו־מאַרקעס און קוקט אויף אים מיט פרעגעדיקע אויגן. זי האָט פון דעסטוועגן זיך אָנגענומען מיט געדולד, ביז ער וועט דערלייענען דעם בריוו ביז צום סוף. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

— איז וואָזשע שרייבט דאָרט דיין חבר? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

— נאַ לייען — האָט ליפּע געוואָלט אַ זאָג טאָן, נאָר זיך געכאַפּט: פּנינה וועט זיך פילן געטראָפן — מחמת ער ווייסט דאָך אַז זי קאָן נישט קיין יידיש...

עס האָט גענומען ווערן פאַרנאַכטלעך. דער אַרבעטסטאָג איז שוין געווען כמעט אָפּגעטאָן, כאָטש דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געדאַרפט אַריינקוקן, כדי צו זיין איינגאַנצן רואיק, און דערפאַר האָבן זיי זיך נישט געאיילט.

ליפּע האָט אָפּט פאַרשוויגן סאַשעס זייטיקע באַמערקונגען, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן שפּורן פון גוטמוטיקן סאַרקאַזם. ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי פּנינה קאָן עס אויפנעמען. נאָך אַלעמען — זי קאָן דאָך נישט סאַשען וואָס האָט אַ מאָל אויף ס׳כוח זיך געשניטן אויף אַ משה נאַדיר...

היינט האָט די צונג אים אַ צופּ געטאָן עפּעס צו זאָגן. זי איז אַרויס פון זיין רשות, ווי אַ געהאַרכזאַם פערד גייט מיט אַ מאָל אַרויס פון די האָלאָבלעס.

— קענסט דאָך שוין דעם קליינבירגער — האָט ער זיך באַמיט אָנצושלאָגן פּנינהס טאָן.

— קודם הייסט ער גריסן דאָס מיידעלע פון קיבוץ... דיך הייסט עס. דאַן וויל ער וויסן צוויי זאַכן: וואָס פאַר אַ תכלית איז עס פאַר אַ בחור ווי איך, צו פאַרקלייבן זיך אין אַ קאָלכאָז!

פּנינה האָט שוין געהערט פון די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין רוסלאַנד — וועלכע מען רופט קאָלכאָזן — און זייער ווירטשאַפט...

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדרוס — מיר זענען דאָך דאָ פרייוויליק!

— ער וויל אויך וויסן — ווי לאַנג איך קלייב זיך נאָך צו בלייבן אַ בחור? דאָס בעסטע, מיינט ער, וועט זיין פאַר מיר, איך זאָל אַריבערקומען קיין אויסטראַליע — אַ מדינה ווי אַ מאַלינע...

פּנינה איז טרויעריק געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ליפּע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט גענוצט דעם קלוגסטן אויסדרוק פאַר דעם געדאַנק, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. אים האָט עס גענומען אַרן, וואָס ער האָט אָנגערירט אַ ווייטאָגליכן אָרט. ער האָט געפילט:

מ. אייזענבוד

# דאָס העזעלע אויפן וואַנט

(פון דער דערציילונג: „פנינה“)

פון מרכז האָט פנינה געבראַכט פאַר ליפען אַ קאָנווערט געדיכט אויסגעקלעפּט מיט בריוו־מאַרקעס — פון אויסטראַליע. מיט קינדערשער פרייד האָט זי געצאַפּלט פון דעם געדאַנק, אַז די אַלע בריוו־מאַרקעס וועלן באַלד געהערן צו איר. זי וועט זיי אָפּקלעפּן פון קאָנווערט, אויספּרעסן און פאַראייניקן מיט איר בריוו־מאַרקעס־קאָלעקציע.

פנינה, דאָס קיבוץ־קינד וועלכן עס איז פרעמד געווען דאָס געפיל: מיינס, איז געווען פאַרקאָכט אין פילאַטעליסטיק. די בריוו־מאַרקעס האָבן געלאָקט מיט ווייטע, עקזאָטישע לענדער. דער קיבוץ איז נישט געווען רייך אין בריוו־דערהאַלטער, איבערהויפּט פון אויסלאַנד. איז איר קאָלעקציע נישט געווען קיין גאָר פאַרשידנאַרטיקע. אין ליפען האָט זי אַנטדעקט ממש אַ קוואַל.

סאַשע קאַפּלאַן — ליפּעס שול־חבר און גוטער ברודער האָט זיך אָפּגעזוכט אַזש אין אויסטראַליע, וואוהין ער האָט אָנגעשפּאַרט פון די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד. וואָס האָט סאַשע געוואוסט וועגן אויסטראַליע? — אַזוי פיל ווי גאָרנישט. נאָר שיפן זענען געגאַנגען, איז מען געפאָרן.

טאַקע פון סאַשען איז ליפע דערגאַנגען, אַז ציליע — דאָס מיידל מיט וועלכער ער האָט ייִנגלוויז „געשפּילט אַ ראָמאַן“ (אַזוי האָט מען אין שטעטל בפירוש געזאָגט) האָט איבערגעלעבט די מלחמה; אַז זי געפינט זיך ערגעץ טיף אין רוסלאַנד; און זי האָט אַ מאַן. דאַכט זיך — קינדער אויך. כאָטש סאַשע האָט געשריבן, אַז: „ציליע לעבט ערגעץ אין רוסלאַנד“, האָט ליפע פאַרשטאַנען — אַז ער ווייסט וואו דער ערגעץ איז. (פאַרלאָז זיך אויף סאַשקע ממזר...) נאָר אים, ליפען — וויל ער דעם אַדרעס נישט שיקן. איז אפשר טאַקע גוט אַזוי. ליפע אַליין זעט אין דעם נישט קיין זין. כאָטש אינעווייניק פילט ער: וואָלט געווען אַן אַדרעס, וואָלט ער אָנגעשריבן. צופרידן איז ער אָבער פון פאַקט גופא: זי לעבט... עמעצער וואָס קען אים נאָענט... עמיצער וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט דעם ערשטן צאַפּל פאַר אַ פרוי.

אַוודאי. סאַשקע האָט אין יענע יאָרן אויך געהאַט אַן אויג אויף ציליען. אָבער ס'איז וווּיזט אויס נישט געווען זיין שולד: ציליע האָט געהאַט עפּעס אין זיך אַ כוח אויפצורודערן אַ בחור, עס זאָל אים אַ צענעם טאָן נישט אויף קאַטאָוועס. נו — און דו אַליין — האָט ליפע געפרעגט זיך אַליין, טאַקע ווי אַן אייגענעם וואָס ווייסט: דו אַליין ביזט דאָך אַריין צווישן איר און זייטשיקן...

אויף אַזעלכע קליינקייטן קוקט מען זיך היינט נישט אַרום. און אויב סאַשען דוכט זיך אַז אַצינד איז ער כאָטש בענטער מיט ציליען, ווי ער — ווייל זיי שרייבן זיך איבער — נו, מילא... סאַשע איז סיי ווי געבליבן דער גוטער ברודער.

אין איינעם פון זיינע בריוו האָט סאַשע אַפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ציליע זוכט אַ וועג אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. אפשר וועט זיך נאָך עפענען אַ טיר פאַר פוילישע בירגער, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט.

— מע, זי קאָן נאָך אַמאָל אַראָפּקומען קיין ישראל — האָט ליפע נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן — קומען דאָך יידן פון דער גאַנצער וועלט. יעדן טאָג געשעען דאָ ניסים — עס זוכן זיך אָפּ מענטשן, וועלכע מען האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן.

פנינה האָט וועגן דעם אַלעם געהאַט אַ זייער ווייטן און זייער פאַרנעפּלטן באַגריף. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז ליפּעס חבר סאַשע קאַפּלאַן לעבט אין אויסטראַליע, איז אַ קליינבירגער מיט אַן אייגענעם אויטאָ; אַן אייגן

ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ

אין סעפּטעמבער ה״י פאַלט אוי״ס די זעקסטע יאָרצייט פון דער שטילער און טאַלאַנטפולער דיכטערין ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק (1890) און איז געשטאָרבן אַין ניו־יאָרק. זי האָט צו ערשט געשריבן רוסיש, אין ביאַליסטאָק, שפּעטער אַריבער צו יידיש, און מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע.

אין יאָר 1936 דערשיינט איר ערשט לידער־בוך „אַזוי ווי איך בין“. דאָס צווייטע בוך איז דערשינען אין ישראל, אין פרץ־פאַרלאַג, אַרויסגעגעבן פון דער משפּחה צום אָנדענק פון דער דיכטערין.

צו באַערן איר יאָרצייט ברענגען מיר אַ ליד פון דעם בוך „לידער מיינע“. — די רעדאַקציע.

## אַליינקייט

איך בין נאָך אַלץ אַ קינד, וואָס בענקט צו שיינקייט.
איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט — מיין פאַרב איז בלאָ.
און ווי די וועלט איז אַלט אויך מיין אַליינקייט —
זי איז מיט מיר פון זינט איך בין נאָר דאָ.

און גרייט בין איך נאָך אַלץ אַוועקצוגעבן
דאָס גאַנצע האַרץ פאַר בלויז אַן איינציק וואָרט.
און גוט איז מיר צו גיין אַליין אין לעבן
און זוכן פאַר מיין שטענדיקייט אַן אָרט.

דוד וואָלפּע (יאָהאַנעסבורג)

# יידיש

מיט זיך און מיט יידיש, ווי בוים מיט זיין שטאַם,
פון וואָרצלען צו בלעטער דער ניגון זיך וויקלט,
ביז היינט נאָך דער שאָטן פון לײדיקן וויגל
זיך שאָקלט צום טאַקט פון מיין היימישן גראַם.

מיין דור, אַ צעברויזטער, פון יידיש דער ים,
פאַרשטילט איז ער היינט — אַ פאַרגליווערטער
שפּיגל.
אין תהום ליגט פאַרזונקען ס׳געשאָכטענע ציגל —
זיין קלאָרקייט צעפרעסן פון סם און פון פלאַם.

איז וויפיל דו קענסט, קוויק אים און הייל אים —
דיין דור איז דיין גורל ביז סוף און צוזאַמען,
און זינג אים אַ וויגליד, אַ מעשה דערצייל אים,
וואָס דו האָסט געזויגן מיט מילך פון דער מאַמען.

און פריידן נישט שפּאָר אים — ס׳קומט אים,
ס׳קומט א״ם! —
דעם דור פון דיין חלום אין קדושה און אומקום.

---

פאַקטאָרן: אַ שטייגער און אַן אידייע (אונדזער טראַדי־ציע, אמונה, מצוות); אַזוי איז עס געווען אין דער תקופה־אשכנז. אמונה אָן שטייגער איז גורם אַן אויסגעוועפּטע יידישקייט (איטאַליע, דייטשלאַנד, וכדומה); שטייגער אָן אמונה איז אויסגעמוחט און געקינצלט, און איז ממילא אַ דינעשורץ־וואַנט קעגן די כוואַליעס פון אַסימילאַציע. שטייגער איז אַ זיווג פון מנהגים, מידות, אינסטיטוציעס, און — דער עיקר — אַן אייגענעם לשון; צוזאַמען קאָנ־קרעטיזירן זיי, אין דער טעגלעכער אויפפירונג, די ווערטן, — די עטישע און גייסטיקע ווערטן — פון פאָלק. אָט־דער סינטעז פון שטייגער (מיט אַן אייגענעם לשון) און אַן אידייע (טראַדיציע און רעליגיעזער גע־שטאַלטונג) איז די ענדגילטיקע באַוואָרעניש פאַרן יידישן קיום און עקזיסטענץ, מיט חשיבות און שעפערישקייט, אין אַמעריקע. עס וועט נישט זיין גרינג דאָס צו רעאַ־ליזירן, אָבער דאָס מוז זיין אונדזער שטרעבונג און אונ־דזער ציל.

לוסי דאַווידאָוויטש איז די מחברטע פון אַ געראָ־טענעם און הצלחהדיקן ווערק (לויט דעם פאַרקויף) „דער קריג אַנטקעגן די יידן״, און זי האָט רעדאַקטירט אַ בוך פון דאָקומענטן וועגן דעם חורבן, און פאַר דעם, אַן אַנ־טאָלאָגיע „די גאָלדענע טראַדיציע״ (וועגן יידיש לעבן און מחשבה אין מזרח־איראָפּע).

ד״ר ע. נאַקס

י. מ. לעווין

# אין מידבר יהודה

פון ציקל ישראל מאָטיוון

ס׳הילט מיך איין די שטילקייט פון מידבר יהודה,
וואָס שטראַלט אויס פחד פון די בראַנדזענע בערג,
זי גייט אויף אין מיר מיט אומרואיקן אויפרודער,
כ׳הער איר פליסטער: שטיי! פאַרשוועך נישט
ס׳בראשיתדיקע ווערק!

בלייב איך פאַרלוירן אין באַרגיקן צעשטרעק,
צווישן פעלדז און הימל מיט וואונדער און פאַרגאַף,
און אומרו יוירט צוזאַם מיט אור־מענטש שרעק —
איך בין ווידער א ד ם, אַ שטויבעלע אין באַשאַף.

איז דאָ פון בראשית געבליבן שטיין די צייט,
און אייגענעם באַשאַף מיט איר אָטעם פאַרפרוירן?
יעדער ווילדבאַרג אַ שטומער עדות שווייגט,
פאַרשלאָסן אין אַ סוד אַן אומגעהויערן.

די בערג הויערן ווי שטרענגע ריכטער בשעתן
משפט —
און וואו וועל איך פון זייער מאַכט אַנטרינען?
זוכסטו רחמים ביי יעדן שטיינערנעם שופט,
און די שטילקייט פליסטערט: — איך האָב דעם
כישוף אויסגעשפינען.

ווי לאַנג קיניגט איר דאָ, ווילדבערג פון יהודה,
שלעסער בראַנדזענע אויסגעטעסעטע אין סקאַלעס?
האָט אייך געפורעמט גאָטס האַנט שוין אַ מידע,
צי אַ רגע פון התפעלות?

זענט איר רוי־ערד אין אַ פראָסטן ליים־טאָפּ
אויסגעטיגלט,
צי פון הימל פאַרשטויסענע נפילים?
אייערע מיילער מיט סוד אייביקן פאַרזיגלט,
אין דער שטילקייט זינגען מזמורים פון תהלים.

ערד, ישראל, סעפטעמבער 1976.

---

ערשטע צוויי באַהאַנדלט זי טאַקע דעם ענין פון ירושה און „אידענטישקייט“, פון טראַדיציע און וועלטלעכקייט, פון יידן צווישן די פעלקער היסטאָריש און די רעזולטאַטן פון דער קאָנפראָנטאַציע הן אין אונדזער עקזיסטענץ און הן אין דער יידישער מחשבה; זי קלאַסיפיצירט די ענדערונגען אין יידישקייט אין אַמעריקע און די וואַריאַנטן פון יידישקייט. אין די לעצטע צוויי מאָלט זי די יידיש־יידישע סביבה, שאַצט אָפ די ראָלע פון יידיש־לשון ווי דאָס בילד פון דער תקופה־אשכנז, באַטאָנט, אַז המשכדיקייט און טראַדיציע זענען אַ תנאי פאַר קולטור, אַז אָן דעם פאַרוואַנדלט זיך דער ריס צווישן דורות אין אַ גוואַלד־ריס.

זי פאַרענדיקט מיט עטלעכע אַרבעטן וועגן דעם חורבן, וואָס האָט אָפגעווישט די וועלט פון אונדזערע עלטערן. ס'איז טראַגיש וואָס זי פאַרענדיקט מיטן חורבן, מיט אַן עלעגיע. ס'איז אָבער פאָרט „גוט“, וואָס זי האָט עס אַזוי געטאָן. עס דערמאָנט אונדז, אַז דער „נעגאַטיווער“ וועג איז נישט דער ריכטיקער, אַז מיר טאָרן נישט פאַרגעסן די „שוואַרצע מיסטעריע“, דעם פינצטערן קאָשמאַר, וואָס איז געשען אין אייראָפע, און דאָך „ווייטער שפאַנען“, און אַז נישט די שונאים אונדזערע זאָלן באַשטימען אונדזער זיין און מהות, נאָר מיר אַליין זאָלן דאָס באַשטימען.

דער פאַרנעם, וועדליק דער הקדמה, גלייכט זיך נישט אויסן מיטן דערגרייך פון דעם בוך. דער פלאַן איז אַ גראַנדיעזער, און כדי אים צו פאַרווירקלעכן וואָלט נייטיק געווען אַ וואָגיק ווערק, געווידמעט אָט־דעם פלאַן, אין פאָראויס, און נישט אַ סכום עסייען, לשם געוויסע געלעגנהייטן. דאָס פאַרמינערט נישט די נוצלעכקייט און פאַרשמעלערט נישט די גאַמע פון אידייען אין די באַזונדערע עסייען, און עס האָט זיך געלוינט צונויפזאַמלען זיי אין אַ בוך. זיי זענען אינפאָרמאַטיוו און אינטערעסאַנט.

זי הייבט אָן דאָס בוך מיט אַן אַרטיקל וואָס פאָרמולירט טאַקע די פראָבלעמען פון ייד און יידישקייט אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פון דער אייראָפעאישער אויפקלערונג, פון רעפאָרם אין דייטשלאַנד, און דורך דער פריזמע פון אַזעלכע דענקערס ווי מענדעלסאָן, גרעץ, ראָזנצווייג, משה העס, לעאָן פינסקער וכדומה. אין אַ שפעטערדיקן קאַפיטל, בנוגע אַמעריקע, באַשטעטיקט זי אַ השערה, באַזירט אויף דעם ספעציפישן כאַראַקטער פון דער פלוראַליסטישער דערפאַרונג אין אַמעריקע: אַז דער פרואוו צו פאַרפעסטיקן דאָ נאַציאָנאַלן, אָדער ווי ס'איז די מאָדע דאָס אָנצורופן, עטנישן קיום, מחוץ אַ רעליגיעזער ראַם, איז קיין מאָל נישט געווען דערפאָלגרייך, און די אויסזיכטן אַז די לאַגע וועט זיך בייטן זענען קנאַפע. דער איצטיקער טומל אַרום אַ רייך־עטנישן פלוראַליזם איז אַן אויבנאויפיקער, און איז — כ'בין אין דעם איבערצייגט — לגמרי נישט ביכולת צו פאַרזיכערן און באַשירעמען אונדזער מין נאַציאָנאַלן קיום.

אין אַן אַנדער קאַפיטל אַנאַליזירט די מחברטע, מיט שאַרפער איראָניע, די באַנאַליטעטן פון רעליגיעזער יידישקייט אין אַמעריקע, און איז זיך סומך אויף די מוסר־רייד, טרויער־רייד פון אברהם־יהושע העשל ז״ל: „אונדזער גאָטעס־דינסט ווערט דורכגעפירט מיט פאָמפע און פרעציזקייט... אַלצדינג איז דאָ: אָרדענונג, געזאַנג, צערעמאָניע; אָבער איין זאַך פעלט — לעבן“. דאָס הייסט, עס פעלט דער אָטעם פון קדושה. דאָך האַלט זי, אַז אַמעריקאַנער יידן — מיט אַלע טעותים און חסרונות — האָבן דאָ פאַרפונדעוועט אַ געמיינדע מיט אַ נאַציאָנאַלן טאָלק און תכלית, מחמת זיי האָבן זי געבויט אויפן יסוד פון דער היסטאָרישער יידישער טראַדיציע.

פאַראַן אין בוך פרעכטיקע עסייען וועגן יידיש אין דער פערספעקטיוו פון דער תקופה־אשכנז, אַ פיינער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער פאָרטרעט פון מאַקס וויינרייך, ווי דער אַרכיטעקט און מנהיג פון ייוואָ, ווי דער גאון פון יידיש, ווי דער גאָלדשמיד וואָס האָט אויסגעמייסטערט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק וועגן יידיש; אויך וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט איר יחוס־בריוו, מיט דער יידיש־טראַדיציאָנעלער ירושה פון געזעלשאַפטלעכער אחריות, וואָס האָט באַלויכטן איר דרך אין אַמעריקע, ווי מיט אַ לאַמטערנע; און צום סוף, עטלעכע עסייען וועגן חורבן, נישט ווי אַן אָפקלאַנג פון נעכטן, נאָר ווי אַ דימענסיע פון אונדזער היינט. דאָס שליסט נישט איין אַלע טעמעס, און אויך די איבעריקע עסייען זענען רייך אין אינהאַלט און אָנרעגנדיק.

— 3 —

ס'איז דאָך נישט וויכטיק צי דאָס בוך איז לויט דער סכעמע פון דער הקדמה אָדער נישט. אין גרונט איז עס אַ געווינס פאַר אונדז, פאַר ביידע דורות — פאַרן עלטערן און פאַרן יינגערן. אָט־דאָס וואָס די מחברטע פאָרמולירט די פראָבלעמען וואָס אַרן — אָדער וואָלטן געדאַרפט אַרן — דעם ישוב אין אַמעריקע, כמעט אַ העלפט פון אונדזער אומה, איז שוין אַליין אַ מדרגה. אירע השגות שעפן זיך נישט אויס מיט „סאָציאָלאָגיע“, זי „צאַצקעט“ זיך נישט מיט סטאַטיסטישע טאַבעלעס, מיט ציפערן און דיאַגראַמעס; זי אָריענטירט זיך אין דער פסיכיק פון דעם ייד אין אַמעריקע, סיי ווי אַ יחיד און סיי ווי אַ קאָלעקטיוו, און זי כאַפט אויף ניואַנסן, שאַטירונגען, און פאַרקוקט נישט די שאָטנס, די כמאַרעס — נישט אויפן הימל — נאָר אין דער אַרומיקער סביבה, אין דער וועלט וואו מיר זענען קוואַנטיטאַטיוו אַ קליינינקער מיעוט, אָבער וועדליק אונדזער צושטייער צו איר ציוויליזאַציע און פראָגרעס, אומעטום אַ בולטער און ווירדיקער יש.

איר סברא וועגן נאַציאָנאַלן קיום אין אַ רעליגיעזער ראַם איז אַ ריכטיקע, אָבער ס'איז אַבסטראַקט. איך וואָלט עס פאָרמולירט אָט־אַזוי: אונדזער קיום ווי אַן עדה, ווי אַן אומה, איז געווען פאַראַנקערט אין צוויי

עוזיאל נאַקס

# יידיש לעבן אין אַמעריקע - היינט און מאָרגן

THE JEWISH PRESENCE,
by LUCY DAWIDOWICZ.
Holt, Rinehart and Winston. $12.95.

ס'איז נישט כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם נאָמען פון בוך. אין דעם איצטיקן פאַל האָט עס אָבער אַ באַדייט מחמת דאָס איז נישט פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַן איינהייטלעך ווערק. עס באַשטייט פון אַרבעטן און עסייען וואָס זענען דערשינען אין זשורנאַלן, מערסטנס אין „קאָמענטאַרי" און דער נאָמען איז ווי אַ שנור וואָס פאַרבינדט די עסייען. ס'איז אַ טרעפלעכער נאָמען און ס'איז שווער אים איבערצוזעצן אין יידיש. בוכשטעבלעך וואָלט עס געווען: „דאָס יידישע בייזיין". עס וואָלט אָבער נישט געטויגט און וואָלט אפשר געווען דער היפוך פון דעם וואָס די מחברטע האָט געהאַט אין זינען. פאַראַן אַן „אַלט־מאָדיש" וואָרט אָנוועזנקייט, און אַזוי וואָלט עס געווען: „די יידישע אָנוועזנקייט".

מיר דאַכט זיך, אַז דער מיין אירער איז דערביי געווען אַ טיפערער און ער לאָזט זיך נישט איבערגעבן אין אַ קורצער פראַזע, און ס'איז נייטיק אַ פולער זאַץ. דער טעם און תוכן פון דעם נאָמען, און פון אַ היפשן טייל פון בוך, איז אָט־וואָס: דער ייד איז דאָ, און אויב ער וועט זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער וועט זיך באַוועגן אויף די ראַנדן פון דער געשיכטע פון זיין פאָלק, וועט אים פעלן שלימותדיקייט, גאַנצקייט; ער איז דאָ; און דער נישט־ייד ווייסט עס און שפירט עס — נישט זיין ביי־זיין, נאָר זיין זיין — און אַן דעם קלאָרן אַריינבליק אין זיך, — אַן זעלבסט־דערקענטעניש, — איז נישט מעגלעך, לויט דער מחברטע, און איך וועל מוסיף זיין, לויטן פילאָזאָף זשאַן פּאָל סאַרטר, קיין אויטענטישקייט, קיין פסיכישע עכטקייט, קיין „אידענטישקייט". אָט־די „אידענטישקייט" פאָדערט מען זאָל זיך אַריינוועבן אין יידישער פאָלקישקייט און טראַדיציע, און לייגט אַרויף אַ התחייבות אויף אונדז פרייוויליק אָנצונעמען פאַר זיך און פאַרן דור נאָך אונדז די דיסציפּלין פון אָגעהעריקייט צו יידישער פאָלקישקייט און טראַדיציע.

נישט תמיד זענען מיר די באַלעבאַטים איבער אונדזער גורל, אָבער ס'איז אונדז אויך נישט באַשערט צו זיין אַבסאָלוט אונטערטעניק, און היות וועלכן וועג מיר זאָלן נישט אויסקלייבן, וועלן זיין דערנער און שטרויכלונגען, וועט דער קלוגער מענטש, וואָס פאַרמאָגט אינערלעכע חשיבות, אויסקלייבן דעם וועג וואָס די געשיכטע האָט פאַר אים אָנגעצייכנט, און וואו עס זענען אויך פאַראַן גראָז און ביימער.

וואָס איז אַזוינס דער „נעגאַטיווער" וועג? אַ פּאָר ציטאַטן פון צוויי טאַלאַנטפולע שרייבערס אין ענגליש, — שרייבערס מיט וויזיע און מחשבה, וואָס נישט ס'איז דאָ ביי זיי דער ווונטש און נישט זיי זענען בכוח צו פאַרבאָרגן זייער יידישקייט, — באַווייזט באַשיימפערלעך וואָס ס'איז אַזוי דער „נעגאַטיווער" וועג. דזשאָרדזש סטיינער איז זיך מודה: „די שוואַרצע מיסטעריע פון דעם וואָס איז געשען אין אייראָפּע, קאָן איך באין־אופן נישט אָפּטיילן פון מיין אידענטישקייט". און אַלפרעד קייזין דערקלערט: „זיין אַ ייד האָט געהייסן אַז יעדערנס עקזיסטענץ איז שטענדיק געשטאַנען אונטער אַ פרעגצייכן".

דזשאָרדזש סטיינער איז נישט פון די געוויינטלעכע שרייבערס; ער וועגט און מעסט יעדעס וואָרט, און איז בכלל אַ מענטש מיט אַן אינטענסיווער עמפּינדלעכקייט פאַר די ווערטן פון קולטור; ס'איז דאָ געדאַנק און עלעגאַנץ אין אַלע זיינע ווערק.

אַלפרעד קייזין איז אַ קריטיקער מיט גרויס וויסן און פאַנטאַזיע, און מיט אַ בעלעטריסטישן חוש וואָס מערקט זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „אַ גייער אין דער שטאָט", וואו ער שילדערט דווקא אַ יידיש־יידישע היים.

און דאָך אין דער בענקשאַפט און רצון צו „אידענטישקייט" איז דאָ אויך אַן אָפּגעפרעמדקייט פון וואָרצלען און פון קוואַלן, און דער פירוש פון דער מחברטע איז אַ געלונגענער: דער חורבן האָט זיי דערנענטערט צו דער שוועל פון דעם היכל (טעמפּל), און עפּעס אַ קראַפט שטערט זיי אַריינצוגיין.

איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט דעם פּרטימדיקער און גענויער, וואָרעם זיי זענען דאָך נישט קיין אויסנאַמען. פאַראַן אַ סך אַזעלכע, און ווי די אַמאָליקע עברים אין מדבר וואוינען זיי אין געצעלטן און האָבן נישט קיין חשק צו בויען היימען אָדער אַריבערטרעטן די שוועל פון די פאַרטיקע היימען. דער חורבן, די וועלט פון אוישוויץ און נאָך אוישוויץ, דער רויער ווי אויך דער „ראַפינירטער" אַנטיסעמיטיזם, האָבן אויף זיי משפּיע געווען, און דאָך איז די פּעולה דערפון דער „נעגאַטיווער" וועג. דערמיט באַעוולהן זיי זיך גופא, מחמת זייער קיניגרייך איז איינגעהילט אין אַ „שוואַרצער מיסטעריע" און עס שוועבט איבער דעם אַ „פרעג־צייכן", און זיי באַגרייפן נישט אַז זיי זענען מפקיר די פרייד פון באַהעפטן זיך מיט אַ ירושה וואָס איז זייערס, פון אָנערקענען אַ נעכטן וואָס זאָל באַליכטן זייער היינט, פון אַ שותפות מיט זייער גורל, אָנשטאָט דעם פּיין פון די וואָס זענען קרבנות פון גורל.

— 2 —

די מחברטע האָט איינגעטיילט די עסייען אין פיר חלקים, און עס איז פאַראַן אַ לאָגיק אין דעם. אין דער הקדמה צייכנט זי אָן זייערע ליניעס און קאָנטורן: אין די

דורך דעם צאַרס נאָענטסטן ראַטגעבער קאָנסטאַנטין פּאָביעדאָנאָסצעוו, דעם הויפּט פון הייליקן סינאָד:

„אַ דריטל פון יידן וועלן זיך שמדן; אַ דריטל וועט אויסוואַנדערן און אַ דריטל וועט אויסשטאַרבן"...

סאָוויעט-רוסלאַנד איז דער יורש פון צאַרישן רוסלאַנד אַ סך מער ווי עס זעט זיך אָן. זי האָט געירשנט די באַציאונג צו יידן אין אַ געענדערטן, מער מאָדערנעם אופן.

די וועלכע מען דערלויבט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד געהערן צו דער באַגרענעצטער גרופּע יידן פון וועלכע דער רעזשים וויל גראַד פּטור ווערן צוליב זייער פּאָליטישער און גייסטיקער „אַנשטעקעוודיקייט". פאַר די אַנדערע וועט בלייבן די ברירה — שמדן זיך, טאָטאַלע אַסימילאַציע איז אַ מער פּאַסיקע באַצייכענונג. אָדער...

אונדזער אינטערוויו מיט קאָווענסקי און קאַגאַן באַווייזט נאָך אַ מאָל אַז דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין 1977 געפינט זיך אין אַ דילעמע: דער פּעריאָד פון טאָטאַלער אומברחמנותדיקער אונטערדריקונג פון איין דיקטאַטור איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מער מאָדערנער, מער אינטעליגענטער, כאָטש נאָך אַלץ האַרבער דיקטאַטור פון קאָמוניסטישן פּאַרטיי-אַפּאַראַט.

יידן האָט מען דערלויבט איינצובייסן אין עפּל פון פרייהייט-בוים. אַצינד דריקט די דילעמע: דעם „גן-עדן" האָט מען פאַרלוירן און דעם גן-עדן האָט מען נישט געפונען. נאָך דער אַבסאָלוטער אוממעגלעכקייט פאַראויסצוזאָגן צי מען וועט יאָ אָדער נישט באַקומען אַן אַרויספאַר-דערלויבעניש, קומט דער צושטאַנד פון צעשמעטערטע האָפענונגען, פון באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרברעכער. און ווען מען באַקומט די אַרויספאַר-דערלויבעניש קומט די מורא פאַר דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס געפילט פאַרשטאַרקט זיך נאָך פון די אָפּקלאַנגען פון די אַנטוישטע וועלכע זענען אָנגעקומען און נישט באַוויזן צו דערגרייכן דאָס אויף וואָס זיי האָבן געהאָפט.

דאָס אַבסאָרבירן אַן עליה פון פאַרגעשריטענע געזעלשאַפטן פון מערב און מזרח איז אַ פיינלעכער פּראָצעס און אַ פינאַנסיעלע לאַסט. עס איז אַ וועלט מיט אַנדערשקייטן פון אַבסאָרבירן אַ ייד פון דער מעלאַ פון מאַראָקעש אָדער באַגדאַד אָדער געטאָ און דאָס איינגלידערן פון וויסנשאַפטלער, קינסטלער און הויך-קוואַליפיצירטע עולים פון מערב אָדער סאָוויעט-רוסלאַנד.

דער פּראָצעס פון איינגלידערן איז נישט אַלע מאָל דערפאָלגרייך. דערוואַרטונגען זענען הימל-הויך און מעגלעכקייטן פון דורכפאַל זענען אין גאַנצן אָפּהענגיק פון סאָציאַלן קלימאַט, גייסטיקער אַטמאָספער, פעאיקייט פון אַריינדרינגען אין דער עקאָנאָמיע.

עס איז אַן אַרבעט פון גרויסן פאַרנעם. מיר מוזן העלפן אויף אַלע שטאַפּלען פון דעם פאַרמעסט.

יהודה סבוראי

יידיש: מ. א.

## באַמערקונג פון רעדאַקציע

אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע-קאָמיסיע פון די „מעלבורנער בלעטער" האָבן באַזוכט די פּרעכטיקע קאָנצערטן פון עטל קאָווענסקאַ און לעוו קאַגאַן און מיר קענען דעריבער נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק די באַמערקונגען פון אונדזער מיטאַרבעטער פריינד סבוראי.

נאָכפאָלגנדיק די הויפּט-אידיי פון אַרטיקל, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די בינע האָט געדאַרפט זיין דעקאָרירט מיט אַנטשפּרעכנדע לאָזונגען, פּלאַקאַטן און פאָדערונגען, ווי עס פירט זיך ביי דער וואָל-קאַמפּאַניע פון אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט...

עס איז געווען די היימישע בינע פון „קדימה"-טעאַטער, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַן אַ שיעור וואַרעמקייט פון דער פּערזענלעכקייט — עטל קאָווענסקאַ. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך שנעל איבערגעטראָגן צום עולם באַזוכער פון טעאַטער, וועלכער האָט ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט יעדעס ליד, מיט באַגייסטערונג אויפגענומען אירע פיינע קאָמענטאַרן צו יעדן ליד.

דער ערשטקלאַסיקער מוזיקער לעוו קאַגאַן האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, אָבער אויך אויף זיין חשבון זענען געגאַנגען די אַפּלאָדיסמענטן, ווייל זיין מוזיק און דאָס געזאַנג פון קאָווענסקאַ האָבן געשאַפן די האַרמאָנישקייט פון קאָנצערט.

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז דער אויסדרוק פון טיפער אָנערקענונג מצד דער אוידיטאָריע איז געווען נישט בלויז אין זאַל, נאָר האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די „בריוו אין רעדאַקציע" אין דער יידישער צייטונג.

די „קדימה" פאַרנעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן און פאַרשטאַרקן יידישע קולטור און דאָס יידישע וואָרט. דער קאָנצערט-טור פון די צוויי קינסטלער — עטל קאָווענסקאַ און לעוו קאַגאַן — אין מעלבורן, סידנעי און סערפערס פּאַראַדייז איז געווען אַ ווירדיקע דעמאָנסטראַציע פאַר יידיש.

זענען באַשטאַנען זייערע שוועריקייטן און ווי דערפֿאָלגרייך האָבן זיי באַוויזן די פּראָבלעמען בייצוקומען.

מיר ווערן בצמצום אינפֿאָרמירט און דעריבער טאַפּן מיר ווי בלינדע אין דער פֿינצטער. אַזאַ סיטואַציע איז איבערהויפּט נישט נויטיק און נישט באַרעכטיקט.

ווי אַ רעזולטאַט דערפֿון ווערן די לאָזונגען פֿאַראַלגעמיינערט. די עפֿנטלעכע מיינונג איז אָפּט אַ צעטיילטע; די אויפֿקלערונגס-אַרבעט ווערט אויסגעצויגן און בלייבט פּרוכטלאָז. און ווען די כּוחות גרייפֿן שוין יאָ אָן — רופֿט דער אַרויסטריט אָפּט נישט אַרויס דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און טייל מאָל ווערט אָנגעגריפֿן דער נישט ריכטיקער אָביעקט.

עטלעכע טעג פֿאַר דער דעמאָנסטראַציע פֿאַרן „פֿאַלעי" זענען קיין מעלבורן געקומען צוויי רוסישע יידן-אַרטיסטן — עטל קאָוועסקי און לעוו קאַגאַן. זיי זענען געקומען כּדי צו געבן קאָנצערטן אין דער „קדימה" (אין דער לעצטער אויסגאַבע פֿון „ישראל-אויסטראַלישע רעוויו" איז פֿאַראַן אַן אינטערוויו מיט זיי).

איך בין געגאַנגען זיי הערן. עטל קאָוועסקי איז געשטאַנען אויף דער נאַקעטער קאַלטער בינע. זי האָט גערעדט, רעציטירט, געזונגען. איר מאַן האָט איר באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ מיט מעלאָדיעס מערסטנס פֿאַרפֿאַסט פֿון אים אַליין. און מערקווירדיק, דער זאַל איז געבליבן גלייכגילטיק. דעם פֿענאָמען איז שווער צו דערקלערן. קען זיין: מיר זענען צעבאַלעוועט געוואָרן דורך צו פֿיל אַרטיסטן מיט אַ נייגונג פֿאַר אַמעריקאַנער, פּראָפֿעסיאָנאַליזם. אפֿשר איז די אויספֿירונג געווען צו אַלט-מאָדיש, צו פֿיל דערמאָנט אין ענלעכע קאָנצערטן מיט יאָרן צוריק, פֿאַרן חורבן, אין אָדעס, ביאַליסטאָק אָדער ריגע, איז עס אָבער נישט געווען גענוג צו האַלטן מייער יעדעס וואָרט, זיך אידענטיפֿיצירן, צו זיין דאַנקבאַר?

מעגלעך אַז די פּאָפּולאַריזירונג פֿון די צוויי אַרטיסטן איז נישט געווען קיין גענוגנדיקע. עס איז כּמעט נישט אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער פֿאַקט, אַז ערשט נישט לאַנג, אין 1973, האָבן זיי נאָך געלעבט אין מאָסקווע. אָדער — האָט גאָר געפֿעלט עמיצער וועלכער זאָל זיי פֿאָרשטעלן פֿאַרן עולם? ווער ווייס.

האָבן מיר ליב דאָס סאָוויעטישע יידנטום און עס גייט אונדז ווייניקער אָן דער סאָוויעטישער ייד?

עס זעט אויס אַזוי, אַז אַזוי לאַנג ווי אַן אַבסטראַקטע אידיי ווערט אַרויסגעהויבן, רופֿט זי אַרויס אַ רעאַגירנדיקן אויפֿברויז.

„לאָז מיין פֿאָלק אַרויס" און „פֿרייהייט פֿאַר סאָוויעטישע יידן" זענען לאָזונגען, וואָס בעטן זיך מ'זאָל זיי אָפּלאָדירן. זיי קאָן מען אויסשרייען צו דער באַגלייטונג פֿון העברעאישע לידער.

וואָס איז אָבער וועגן אונדזערע פּערזענלעכע באַציאונגען צו לעבעדיקע מענטשן פֿון בלוט און פֿלייש? צו מישען און סאַשען און לאהן? מענטשן וועלכע זענען אַדורך דעם פּערזענלעכן געראַנגל צווישן צווייפֿל און דערוואַרטונג; שרעק פֿון אַרעסטירט ווערן און דערוואַרטונג פֿון שיקאַנעס; מענטשן וועלכע זענען טאַקע אַרויס, ווען מען האָט זיי געלאָזט און אין קאָנסעקווענץ זענען זיי אַדורך זייערע אייגענע וויען פֿון שלאָגן וואָרצלען אין ישראל.

לויט מיר קומט אויס, אַז מיר מוזן זיך לערנען ליב צו האָבן די רוסישע יידן נישט נאָר דאַן ווען זיי זענען אין קלעם, אונטער דרוק — מיר מוזן טאָן מער פֿאַר די וועלכע זענען סוף כּל סוף אָנגעקומען, וועלכע האָבן זיך ענדלעך צוריקגעקערט קיין ציון.

* * *

80 יאָר איז פֿאַרביי זינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין אויגוסט 1897. דער קאָנגרעס, פֿאַרטראַכט און אינספּירירט פֿון ד"ר טעאָדאָר הערצל, איז געווען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענקונפֿט פֿון יידן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרמאָסטן צו נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט. דער קאָנגרעס איז נישט געווען דער איניציאַטאָר פֿון ציוניזם. די חובבי-ציון און זייערע ישובֿים אין פּאַלעסטינע זענען אויפֿגעקומען פֿאַר דעם קאָנגרעס און פֿאַר די פּאָליטישע פּרוון פֿון הערצלען.

אין דער דאָזיקער אויסעראָרדנטלעכער פֿאַרזאַמלונג האָבן אָבער צום ערשטן מאָל יידן פֿון מערבֿ און יידן פֿון מזרח צונויפֿגענומען זייער ענערגיע, זייערע מיטלען און זייערע אידייען כּדי צו באַנייען דאָס יידישע פֿאָלק.

הערצל אַליין האָט כּמעט גאָר נישט געוואוסט וועגן זיינע „אָרעמע גלויבנס-גענאָסן אין רוסלאַנד" ווען ער האָט זיך פֿאַרנומען אויפֿן וואונדערלעכן שליאַך צו ווערן איינער פֿון די גרעסטע פֿירער פֿון יידן. אָבער נאָכן פּאָגראָם אין קישיניעוו, אין אַפּריל 1903, איז הערצל געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין וועגן דער באַלדיקער נויטווענדיקייט דורכצופֿירן זיינע ציוניסטישע אידייען. דורכגענומען מיט דעם געפֿיל, איז ער אַליין געפֿאָרן קיין רוסלאַנד כּדי צו פֿאַרהאַנדלען מיט דער רוסישער רעגירונג, מיטן אויסבליק, אַז ער וועט קאָנען באַוועגן די צאַרישע רעגירונג צו דערלויבן די ציוניסטישע באַוועגונג (וועלכע איז געווען אומלעגאַל) צו פֿונקציאָנירן און זי אַליין זאָל אָנווענדן אַ דיפּלאָמאַטישן דרוק אויף דער טערקישער רעגירונג זי זאָל דערלויבן אַ געוויסע פֿאָרם פֿון יידישער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע.

אין אויגוסט 1903 האָט דער רוסישער אינערן-מיניסטער פֿאָן פּלעווע אויפֿגענומען הערצלען. לויטן עמוס עליאָן, אין זיין אויסגעצייכנטער הערצל ביאָגראַפֿיע, האָט פּלעווע געזאָגט צום ציוניסטישן פֿירער:

„די יידן-פֿראַגע איז נישט די וויכטיקסטע פֿאַר אונדז. זי איז אָבער אַ גענוג וויכטיקער ענין. מיר באַמיען זיך אין דער פֿראַגע צו דערגרייכן אַ לייזונג אויפֿן בעסטן וועג וואָס איז מעגלעך".

דער בעסט-מעגלעכער וועג איז געוואָרן אָנגעצייכנט

שער קולטור ווערן אַ בשפעדיקער צופלוס. איז עס אפשר דערווייל דער ערב־טאָג פון רענעסאַנס, אָבער זיכער נישט די שוואַרצע נאַכט.

ווי איז די לאַגע אין מעלבורן? שטעלט דאָך פעסט י. אָרבאַך, אַז מעבר לים רופט מען „ירושלים ד'אויסטראַליאַ", און מיט רעכט. פאַראַן דאָ אַ סך חינוך־אינסטיטוציעס, די יידיש־יידישע אַריינגערעכנט. פאַראַן אַ „קדימה", דאָס שיינדל וואָס באַחנט מעלבורן און סידנעי.

בלייבט די מורא, אַז אונדזער יוגנט זאָל זיך נישט אָנשטעקן מיט נישט געוואונטשענע אידעאָלאָגיעס ווי „היפּיזם", לינקיזם פון יעדן קאָליר און שאַטירונג, און ביי אַ טייל אַפילו מיט שנאת ישראל און שנאת־ייד, „ווייל די סינאַגאָגע יידישקייט און דאָס געפיל פאַר „איזראַעל" איז פאַר זיי נישט גענוג צוציענדיק".

ווערן פון קולטור־בוים אַראָפּפאַלן די פאַרפוילטע בלעטער און דערמיט וועלן די געזונטע קענען ציען מער זאַפטן, און זיי וועלן גדייען. דער קערן וועט בלייבן.

איצט, וואָס איז מיטן אויפלעבן פון יידיש־לימוד אין ישראל? קומען דאָך כסדר פון דאָרט מאַטעריאַלן וואָס דערציילן וועגן דער שוין געטוענער אַרבעט, אָן אַרבעט וואָס קען דערוואַרעמען און דערהויבן דאָס געמיט ביי אַלע יידיש־יידישע יידן, טאָ פאַר וואָס דער אַלאַרם?

צום סוף אַ וואָרט וועגן „קולטור" אַלס אַלגעמיינער באַגריף. וואָס איז קולטור? פון וואָסערע עלעמענטן באַשטייט דאָס צויבערוואָרט, מיט וועלכן מען שאַפט זיך אַזוי לייכט אויף רעכטס און אויף לינקס: איז עס נאָר שפּראַך, דאָס קענען געשיכטע, מנהג, טראַדיציע, רעליגיע צי גאָר דאָס אומבאַשטימטע געפיל פון אָנגעהעריקייט צום שבט?

איך קען נישט געבן קיין באַשטימטע דעפיניציע וואָס אַזעלכעס איז קולטור. וועלכער עלעמענט פון די אויסגערעכנטע איז דער וויטאַלסטער. איך בין גענויגט אָנצונעמען פּראָפ. לערמערס קאָנצעפּציע אַז „אַלע פאַרבן צוזאַמענגענומען שאַפן דעם צויבער פונעם רעגנבויגן". אַלע צוזאַמען, אַפילו לויז צונויפגעבונדן, שאַפן דאָס וואָס מיר רופן אָן: פאָלק.

אָבער דאָס איז אַ טעמע גאָר אַ באַזונדערע.

אָ, די מידקייט פון די קולטור־טוערס? איז לא אלמן ישראל. אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט: — „אַז ס'זענען דאָ ביינער — וועט זיין פלייש". נישט געדאגהט.

לאָמיר אויפהערן זיפצן און קרעכצן, לאָמיר ליבערשט פאַרברייטערן און פאַרטיפן די אַרבעט ווי לאַנג עס טליעט נאָך אין די „אַלטע, מידע און אויסגעשעפּטע" יידן דער פונק פון ליבע און דאָס געפיל פון אחריות פאַר קיום העם, וועט די נאַציאָנאַלע קולטור אין אַלע אירע שאַטירונגען נישט אונטערגיין, נאָר דווקא לעבן און גע־דייען.

י. מ. לעווין

יהודה סבוראי

# דעמאָנסטראַציע און — וואָס ווייטער

די גוט דורכגעפירטע דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק פאַר דעם „פּאַלעי־טעאַטער" אין מעלבורן — קעגן די דיסקרימינאַציעס וועלכע ווערן אָנגעווענדט לגבי די רוסישע יידן — האָט נאָך אַ מאָל באַוויזן, אַז אויסטראַלישע יידן גייט אָן זייער גורל; אַז זיי האָבן אַ פאַרלאַנג אויסצודריקן זייער זאָרג און פאַרדרוס איבער די קלאָגעדיקע באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבן אַ גרויסער טייל יידן; זיי האָבן אַ פאַרלאַנג צו לאָזן הערן זייער שטים, צו באַווייזן אַז זיי האָבן די רוסישע יידן נישט פאַרגעסן.

אָבער אַ דעמאָנסטראַציע נאָר ווען אַרטיסטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד באַזוכן אויסטראַליע, קען קוים באַטראַכט ווערן אַלס אַ גענוגנדיקער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיטן גורל פון די סאָוויעטישע יידן.

אין וואָס מיר נויטיקן זיך איז — אינפאָרמאַציע: ווי זעט אויס די לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן היינט, אין אויגוסט 1977? וועלכע זענען די טענדענצן? וואָס זענען די באַדערפענישן? פאַר וואָס איז אַזוי דראַסטיש געשטיגן די צאָל פון עמיגראַנטן וואָס „ווערן פאַרלוירן" אויפן וועג קיין ישראל? וואָס געשעט ווירקלעך אין ווין און אין רוים?

אַזאַ אינפאָרמאַציע איז נישט אוממעגלעך צונויפצוזאַמלען. צו דעם איז אָבער נויטיק אַן אָרגאַניזירטע און קאָנקרעטע אָנשטרענגונג.

די יידישע אַגענץ דאַרף רעגולער אַרויסלאָזן אַ ספּעציעלן ביולעטין געווידמעט אויסשליסלעך די ענינים פון סאָוויעטישע יידן — און פון די לענדער וואו יידן זענען באַדראָט ווי סיריע און איראַק.

אַזאַ ביולעטין דאַרף אַנטהאַלטן קאָנקרעטע נייעס: וואָס פּאַסירט מיט די „רעפיוזניקעס"; די נייע פאַראָרדענונגען וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך די מאַכט־אָרגאַנען; די רעאַקציע פון דער וועלט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער וועלט־פרעסע.

אין דער זעלבער צייט דאַרף אַזאַ ביולעטין פאַרעפנטלעכן באַריכטן פון יידן וועלכע זענען לעצטנס אָנגעקומען קיין ישראל, אָדער אין אַנדערע ערטער, און וואָס פּאַסירט ווירקלעך דאָרטן. דאָס מיינט: נישט קיין טרוקענע פאַקטן, נאָר איינדרוקן און מענטשלעכע איבערלעבונגען.

די זעלבע אויסגאַבע דאַרף זיך אויך באַמיען צו אינפאָרמירן ווי אַזוי די רוסישע יידן האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט; אין וואָס

שער קיום פון פאָלק, לויטן פרינציפּ: אם אין קמח, אין תורה.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער כלל, אַז אין ז'ער היינטיקער געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער סטרוקטור זענען מיר, יידן, אין איר אינטעגרירט אויף דעם שטייגער און אָן דיסקרימינאַציעס, ווי עס זענען אַנדערע מינדערהייטן, ווייל מיר לעבן ווי פרייע בירגער, נישט אין געטאָס. קענען קומען ענדערונגען אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון עקזיסטירנדיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב, מיט אַלע נאָכפאָלגנדיקע קאָנסעקווענצן, וואָסערע זיי זאָלן זיין. עס איז אויך טעאָרעטיש מעגלעך, אַז די יידישע יוגנט, פּונקט ווי די נישט־יידישע, זאָל לייכטער זיך אויסמישן אין דעם אַלגעמיינעם שמעלץ־טאָפּ פון דער הערשנדיקער קולטור און ווערן פון איר פאַרשלונגען.

י. אָרבאַך איז זיך מודה, אַז ער האָט נישט אין זיין באַזיץ די געהעריקע סטאַטיסטישע אינפאָרמאַציעס וואָס זאָלן באַקרעפטיקן זיינע פאַראויסזאָגונגען; אינפאָרמאַציעס וואָס זאָלן קענען ווערן דער אינדיקאַטאָר וואָהין ציט עס די יוגנט. הייסט עס, אַז די מעדיטאַציעס זענען געבויט אויף השערות און געשפייזט מיט דער זאָרג פאַרן קיום פונעם ישוב.

איך בין אויך נישט קיין ספּעץ אין סטאַטיסטיקס, איז אויך מיר שווער צו אָפּערירן מיט פאַקטן. בלייבט פאַר י. אָרבאַך און פאַר מיר דאָס בלויזע טרעפן: — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?

לאָמיר נישט זען צו שוואַרץ אויב עס גייט וועגן יידישער קולטור אויף לשון יידיש. נאָך מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן צוריק האָבן שוואַרצזעער אָנגעהויבן צו זאָגן קדיש נאָך יידיש, און געוויינלעך איז דער קדיש, מחמת רחמנות צו מאַמע לשון, אפשר מחמת בייזוויליקייט, געוואָרן באַגלייט מיט אַן אמתן אָדער פאַלשן קרעכץ: — נעבעך, יידיש גייט אונטער...

זינט יענער צייט, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען ווירקלעך פאָרגעקומען היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן צעטרייסלט די וועלט. דאָס יידישע פאָלק אַריינגערעכנט, אָדער ווי איינער וויל, אויסגעטיילט צו רשעות דערפאַר ווייל יידן זענען יידן.

עס זענען פאָרגעקומען פאָגראָמען אין רוסלאַנד, רדיפות און גירושים בשעת דעם 4־יאָריקן דויער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שפּעטער, באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917, זענען לכתחילה אין רוסלאַנד קיין רדיפות אויף יידן אַלס יידן, נישט פאָרגעקומען. עס איז אָבער געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור אין רוסלאַנד, וואָס האָט אויסגעווירקט, חוץ אויפן פעאָדאַלן־קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אויך אויפן מיטל־קלאַס צו וועלכן אַ גרויסער טייל יידן, קרעמער און סוחרים (טייל פון ערשטער גילדע) האָבן סאָציאַל אָנגעהערט.

און דאָך, און דאָך האָט די יידישע קולטור, אין אַן אַנדער פאָרם און אונטערן שטרענגן סאָוויעטישן צענזאָר מיט דער מיטהילף פון דער יעווסעקציע, געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן פון זיך שרייבער־ריזן, דיכטער גיגאַנטן.

דערנאָך, דערנאָך איז געקומען די היטלער־תקופה, און איך וויל זיך איינשפּאָרן נערוון־צעטרייסלונג ביים אַריינלאָזן זיך אין פּרטים. דער דאָזיקער שוידערלעכער אויפטרייסל האָט נישט נאָר „צעטרייסלט" דאָס יידישע פאָלק, נאָר אָפּגעמעקט אַ טייל פונעם פאָלק צוזאַמען מיט די קולטור־דעראָבערונגען. עס איז געוואָרן „אין תורה", ווייל עס איז נישט געווען מער דער „קמח".

דאָס איז געשיכטע און פון געשיכטע דאַרף מען לערנען. דער פאַרגלייך פון יענער אויפטרייסלונג מיט די היינטיקע „אויפטרייסלונגען" האָב איך געבראַכט אַלס אַ פאַרגלייך מיט די פון „יידיש אויסטראַליאַנאַ 1977".

מילא, די פריער דערמאָנטע „וואָטערגייט", מאַאָ, קער — ווהיטלעם האָבן בלי ספק נישט געהאַט דעם מינדסטן איינפלוס אויף דער וויטאַליטעט פון אונדזער יידישער קולטור, ווייל זי האָט באַוויזן צו שאַפן אַפילו אין די געטאָס און אין די טויט־לאַגערן. עס איז גוט באַ־באַוואוסט, אַז אין די טויט־לאַגערן האָבן יידן, ווי די אַנוסים אין שפּאַניע, געהייליקט יום־טובים מיט שטילע תפילות געשעפּטשעט מיטן האַרץ. אויך אַ פאָלקס־ליד האָט פון צייט צו צייט אויפגעמונטערט די געדריקטע געמיטער — לעבט דען היינט די יידישע „אויסטראַליאַנאַ" אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען? איז היינט צו טאָג פאַראַן די מורא פאַר פיזישן אומקום? חלילה!

אמת, אַ געפאַר אַז ענדערונגען אין סאָציאַלן מצב קענען ברענגען ענדערונגען אין דער מחנה פון אונדזער יוגנט. איז דען די געפאַר אַ נייער פענאָמען אין אונדזער געשיכטע? טאָ נאָך וואָס דאָס קלאַפּן טרעוואָגע?

אין אַמעריקע האָט דער דריטער דור — די יוגנט וואָס האָט נישט געקענט קיין צורת אלף — גענומען זיך וועקן פון דער נאַציאָנאַלער לעטאַרגיע, ווייל זי האָט דערשפּירט אין זיך די פאַרירשנטע קראַפט וואָס רופט: — קום צוריק צום שורש! וואַקסן דאָרט קאַטעדרעס אויף די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. און דווקא פאַר יידישער געשיכטע, דווקא אויך אויף יידיש, פאַר מאַמע לשון — זאָגט דאָס גאָר נישט?

ריכטיק, יידיש לשון איז צוליב אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע פון די ימי היטלער אַרויס פון „קעלער־שטוב און אַריין אין די פּאַלאַצן". אַוודאי איז די מערכה פון יידיש געווען בעסער אין יענע צייטן, ווען דאָס בילד איז געווען פאַרקערט.

אָבער, אָבער די אַלע פּאַלאַץ־יוגנטלעכע וועלן דאָך שפּעטער, אַלס עלטערן, משפיע זיין אויף אונדזערע קינדער. אַזוי איז דאָך יעדער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס ביי טאַטע־מאַמע — דערציען דאָס קינד אויף דעם עלטערנס שטייגער. וועט, לאָמיר האָפן, פון אָפּפלוס פון דער יידי־

פּרעסע, ליטעראַטור — ווערן מיד און אויסגעשעפּט פון אַנגיין מיט דער פאַרגרעסערטער קולטור־אַרבעט אין איכות און אין כמות. די צאָל פון די טוער און בויער ווערן אַלץ קלענער און קלענער און ביי די דאָזיקע קולטור־טוער איז דער זעלבער פּראָצעס ווי ביי די גוטע מאַשינען: די בעסטע מאַשינען ווייזן אַרויס מיט דער צייט פון זייער אַרבעט סימפּטאָמען פון „אויסגעשעפּטקייט" צוליב פאַרשידענע טעכנישע סיבות. אויך מיר, וועלכע זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פייער פון פאַרפאָלגונגען, רדיפות, דערנידערונגען מיט דעם טראַגישן הויכפּונקט — נאַצי־חורבן", הויבן אויך אָן אַרויסצוווייזן סימנים פון אויסגעשעפּטקייט, צוליב מאָראַלישע און פיזישע טעמים.

מיר הויבן אָן טראַכטן, אַז מיר האַלטן ביי נעילה פון אונדזער אומדערמידלעכער אַרבעט אַרום אונדזער מאַמע־לשון יידיש, יידישע קולטור און יידיש לעבן. טאַקע אין אָנבליק פון די לעצטע געשעענישן אין דער אַלגעמיינער און אויך יידישער וועלט — פרעגן די „אַלטע" און „יונגע" קולטור־טוער אין די יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט און סיי ביי אונדז: צי קענען מיר מיט אונדזער „מידקייט" און „אויסגעשעפּטקייט" שאַפן אַ דאַמבע קעגן דער איצטיקער „היפּי"־אַסימילאַציע, קעגן דער לאָגיק פון קענען אויסהאַלטן; קעגן דעם געשריי פון די רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע פּלוס די סעקולערע אַלטע און יונגע, אַז יידיש גייט דעם לעצטן וועג?...

מיינע מעדיטאַציעס וואָס איך האָב דאָ אַרויסגעבראַכט זענען, מעגלעך, טאַקע פון „מידקייט" און „אויסגעשעפּטקייט", אָבער זיי זענען אויך פ.ק. דעם געפיל „אַליינקייט" און די דאָזיקע „אַליינקייט" זאָגט מיר אונטער, אַז מען דאַרף אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן אין יאָר 1977 וועגן בליק אויפן היינט און אַ ביסל ווייטער.

אין דער צייט פון פּסעוודאָ־רעליגיעזן און פּסעוודאָ סעקולערע פאָרמען אינעם יידישן לעבן דאַרף מען אָפּשאַצן און נישט איבערשאַצן אונדזערע אייגענע ווערטן און אונדזערע „גאָלדענע קייט" חלומות...

י. אָרבאַך

י. מ. לעווין

# געזען מיט אַנדערע אויגן

ראַנד־באַמערקונגען צו י. אָרבאַכס אַרטיקל „יידיש אויסטראַליאַנאַ 1977"

איך וויל גלייך דערקלערן, אַז די שורות זענען נישט געשריבן לשם פּאָלעמיק; איך וויל נאָר מאַכן אַ פּרווו אָנצוקניפּן צו די „מעדיטאַציעס", וואָס זענען וואַרשיינלעך אַרויסגערופן געוואָרן ביים מחבר פון „יידיש־אויסטראַליאַנאַ 1977", צוליב זיין זאָרג וועגן דעם, וואָס וועט געשען דערנאָך ווען די מידע, „אויסגעשעפּטע" קולטור־טוער וועלכע זענען נאָך טעטיק, וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט נישט זיין בכוח צו זיין מיד אַפילו.

אַלזאָ, די זאָרג פאַרן קיום פון דער יידישער קולטור, אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס, איז נישט נאָר זיינע; זי איז אונדזער אַלעמענס זאָרג, ווייל קיינער פון אונדז פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף דערווירקלעכקייט, און מאַכט נישט אָוועק מיט דער האַנט דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּווישן מיט אַ יהי רצון.

די „מעדיטאַציעס" באַזירט ער אויף „אויפטרייסלונגען אין געז. פּאָליטישן לעבן און אין דער סאָציאַלער סטרוקטור אין דער ברייטער וועלט" (אין די דעמאָקראַטיעס), וועלכע וועלן אין דער צוקונפט האָבן אַן אויסווירק אויך אויף אונדז יידן דאָ אין אויסטראַליע, וואַרשיינלעך דערפאַר ווייל „ווי עס קריסטלט זיך — יידלט זיך", — און עס קומען זיינע גרויע, שוואַרצע אויספירן וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער קולטור בכלל און פון דער יידישיסטישער בפרט.

איך ווייס נישט וועלכע אויפטרייסלונגען דער מחבר האָט געהאַט אין זינען בעתן שרייבן די מעדיטאַציעס — וואָטערגייט, דער טויט פון מאַאָ־טסע־טונג, די יום־כיפור מלחמה, דאָס אויפליזן דורכן גענעראַל־גובערנאַטאָר די לייבאָר־רעגירונג, צי אפשר גאָר די מחלה פון אינפלאַציע. דאָס אַרטיקל זאָגט גאָר נישט וועגן דעם, עס איז געשריבן אין אַלגעמיינע טערמינען, נישט אין אַ ספּעציפישן אַרומנעם, וועט עס פאַרן לייענער זיין שווער צו טרעפן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

דאָס אַרטיקל באַרירט אַ סך פּראָבלעמען. איינער פון זיי איז דער „קאָמפּראָמיס" — אין האַרמאָניע אָדער דיסהאַרמאָניע — צווישן דעם רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן סעקטאָר און דעם סעקולערן סעקטאָר און אַז דער קאָמפּראָמיס (וועלכער עקזיסטירט נישט) איז נישט געוואָרן קיין דאַמבע קעגן אַסימילאַציע, טראָץ דעם פּרינציפּ, אַז איינִיקייט פון אַ פאָלק איז אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר וואָס איז מסוגל אַנטקעגן צו שטעלן זיך לויערנדיקע געפאַרן.

דאָס אַרטיקל באַרירט אויך אַן עוונטואַליטעט פון אַ סאָציאַלן איבערשיכטונג־פּראָצעס אין דער יידישער געזעלשאַפט צוליב די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קריזיסן, וואָס זענען געוואָרן די פּלאָג פון די פרייע דעמאָקראַטיעס. זענען דאָס פיינע אמתן.

איך וועל זיך אָבער פאַרנעמען נאָר אַ קורצע ווײַלע מיט די באַרירטע סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, ווייל דאָס ערשטע אָרט אין מיין טראַכטן פאַרנעמט דער פיזי־

גינציקן די סטרוקטור און די פאָרמען פון אונדזער יידיש לעבן פּאָזיטיוו?

## עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעך

פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר געלערנט, אַז אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער, ווען עס וואַקסן אויס קריזיסן — פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע — ווערט אין אַ געוויסער מאָס דער יידישער טייל געטראָפן דער ערשטער. עס איז נישט די פראַגע פון סתם יידן־שנאה אָדער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם. עס איז דער פשוטער געזעץ פון קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, אַז ווען פּריוואַטע איניציאַטיוו און פרייע קאָנקורענץ דאָמינירן אין אַלגעמיינעם לעבן, ווירקן נעגאַטיוו עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען אויף די פינאַנסיעל שוואַכערע שותפים פון דער דאָזיקער „אָלד דיל" עקאָנאָמיע. דאָס איז די לייכטע אינדוסטריע און האַנדל. די יידישע באַפעלקערונג אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער זענען אַממייסטנס פאַרטראָטן אין די דאָזיקע פינאַנסיעל שוואַכערע צווייגן. אויך וועגן דעם יידישן אָנטייל אין דער עקאָנאָמיע דאָ הי קאָן מען זאָגן דאָס זעלבע. די פאַרשידנאַרטיקע טרייסלונגען אין דער אויסטראַלישער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע, טרעפט דעם מיטל־קלאַס. דער יידישער עקאָנאָמישער סעקטאָר דאַרפט דעריבער זיין מער וואַכזאַם אויף די פאַרשידענע „עוואָלוציעס" און „רעוואָלוציעס" וואָס וועלן וואַרשיינלעך פאַרשאַרפן די קלאַסן־קאָנפליקטן צווישן דעם גרויס־קאַפּיטאַל און אַרבעטער־קלאַס און ממילא וועט דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון מיטל־קלאַס שטאַרק פאַרמינערט און אַראָפּגענידערט ווערן.

צי קען און צי וועט דער יידישער מיטל־קלאַס זיך קענען עקאָנאָמיש איבערשיכטן? — ווער ווייס? עס איז אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז דער פּראָצעס פון וועלן זיך איבערשיכטן פון קליין־אינדוסטריע און האַנדל — אויף אינטעלעקטועלע פרנסות — אַקאַדעמיקער און פרייע פּראָפעסיעס — וועט גיין שנעלער ווי מען שטעלט זיך פאָר. דער נייער דור פון די לעצטע צענדליק יאָר טוט דאָס אין זייער אַ האַסטיקן טעמפּאָ. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער איבערשיכטונג האָט אָבער אַ גאָר גרויסן מינוס, ווייל דאָס ברענגט מיט זיך דעם פּראָבלעם פון אויפלייזונג... די נייע פּראָפעסיעס פון יונגן דור ברענגען דערצו, אַז זיי דערווייטערן זיך פון דער יידישער סביבה, פון דעם יידישן שטייגער־לעבן. די דערשיינונג דאַרף אונדז, די „אַלטע" יידישע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער שטאַרק באַאומרואיקן אין יאָר 1977 און סיי אין די קומענדיקע יאָרן.

## קולטורעל־געזעלשאַפטלעך:

אַלס אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער אין אונדזער יידישן לעבן אין מעלבורן, וויל איך אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1977 מאַכן אַ געוויסן אַנאַליז פון דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון מעלבורן בכלל און פון דעם מעלבורנער יידישיסטישן טייל בפרט.

די מערהייט פון דעם מעלבורנער יידישן ישוב האָט אין די לעצטע יאָרן געמאַכט שלום מיט דעם קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג פון מאַכן אַ „קאָמפּראָמיס" צווישן דער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער און דער סעקולער־אַפּלוענטישער יידישער לעבנס־אויפפאַסונג. דער דאָזיקער „קאָמפּראָמיס" באַשטייט צווישן דעם סינאַגאָגאַלן טראַדיציאָנעלן פּראַקטישן דרך און דעם דרך פון „איזראַעל" אידעאַל. אמת, דער דאָזיקער „קאָמפּראָמיס" האָט אין אַ געוויסער מאָס געהאַט אַ השפעה ביי אַ סך פאַמיליעס פון אַ צובונד צו דעם אייגענעם משפחה אָפּשטאַם, צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק. אָבער דער דאָזיקער „קאָמפּראָמיס" איז נישט געוואָרן קיין פעסטונג קעגן אַסימילאַציע און אויך נישט קיין דאַמבע קעגן דעם „רעוואָלט" פון דער יידישער יוגנט קעגן דעם „עסטאַבלישמענט". די יידישע יוגנט האָט נישט געזען אין דער „סינאַגאָגע־טראַדיציאָנעלער" אויפפאַסונג און אויך נישט אין דעם „איזראַעל" אידעאַל די צוקונפט פון זייער לעבן אין אויסטראַליע. דער דאָזיקער „קאָמפּראָמיס" האָט אויך דערפירט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מיד ווערן פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויך טיילווייז נישט ווערן אויפגעציטערט פון דער ציפער „6 מיליאָן"... און די געפאַר באַשטייט אין דעם, וואָס די טאַטעס און מאַמעס פון דער דאָזיקער יוגנט הויבן אָן נאָכצוקאָפּירן זייערע קינדערס דרכים פון וועלן אַנטלויפן פון דער פאַרגאַנגענהייט, דורך וועלן „פאַרגעסן און פאַרגעבן". זיי זעען נישט די מאָרגנדיקע געפאַר וואָס הענגט איבער אונדזערע קעפּ.

ווען מען מאַכט געוויסע דעפיניציעס וועגן דעם „פאַרעוון" גרעסערן טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט אין מעלבורן — מוז מען ווילנדיק און נישט ווילנדיק אויך מאַכן אויספירן, אָדער בעסער געזאָגט, דעפיניציעס מיט מעדיטאַציעס וועגן דעם אַקטיוון יידישיסטישן טייל פון מעלבורן.

דער יידישיסטישער טייל האָט צו פאַרצייכענען גאָר גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון יידישע קולטור־אַקטיוויטעטן. מעלבורן האָט אַפילו דערגרייכט אין אויסלאַנד דעם נאָמען „ירושלים ד'אויסטראַליע" און אָן שום גוזמא קען מען פאַררעכענען דאָס יידישע מעלבורן אַלס איינע פון די פעסטונגען קעגן אַסימילאַציע, ווי אויך אַלס איינע פון די יידישע ישובים, וואָס פירט ברייט און טיף אַ באַדייטנדע יידיש־קולטורעלע אַרבעט, אין שפּיץ פון וועלכער עס שטייט די קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה".

עס זענען אָבער פאַראַן מאָמענטן ווען מען דאַרף קלינגען מיט דעם גלאָק אויף אַלאַרם! דער אַלאַרם־סיגנאַל הייסט אויסגעשעפּטקייט. די קולטור־טוער אין דער „קדימה", אין די יידישע שולעס און אין אַלע אַנדערע יידישיסטישע קולטור־אָפּצווייגונגען ווי: טעאַטער,

שעוועּר אויפשטאַנד. (אַנדערהאַלבן יאָר נאָכן וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד!).

די סאָוויעטן שטעלן דאָן אָפּ די אָפענסיווע קעגן די דייטשן. די אַטעם-פּויזע גיט דער דייטשער אַרמיי אַ מעג־לעכקייט צו איבערגרופּירן דאָס מיליטער און אַריינפירן נייע דיוויזיעס. די דאָזיקע דיוויזיעס ליקווידירן בלוטיק דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד.

די סאָוויעטן האָבן דערוויייל באַוויזן צו באַזעצן אַ ריי לענדער און איינגעשטעלט אין זיי סאָוויעטיש-פריינד־לעכע רעזשימען.

נאָכן פאַרענדיקן אַ מלחמה, קומט נאָרמאַל פאַר אַ שלום-קאָנפערענץ, וואו עס ווערן רעגולירט די פּראָבלע־מען צווישן זיגער און באַזיגטע. ביז היינט צו טאָג אָבער איז נאָך צו אַזאַ שלום-קאָנפערענץ נישט געקומען. ביי די סאָוויעטן געדויערט נאָך אַלץ די צווייטע וועלט-מלחמה. דאָס דעראָבערן קומט ווייטער פאַר, כאָטש אויף אַן אַנ־דער אופן. פון 1945 ביז 1977 פירן די סאָוויעטן אַ פּאָ־ליטיק פון דעראָבערן לענדער אויף אַנדערע קאָנטינענטן. דאָס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל סאָוויעט-רוסלאַנד איז היינט צו טאָג דער גרעסטער פּראָדוצענט פון געווער. מיט די מאָרד-מכשירים באַוואָרגן זיי די אַראַבער, אַפריקאַנער, אַזיאַטן און אויך פאַרשידענע טעראָריסטישע גרופּן, וואו נאָר זיי זאָלן זיך נישט געפינען. זיי זענען נישט איבער־קלייבעריש: זיי פאַרקויפן געווער צו פעאָדאַלן, דיקטאַ־טאָרן, פּסעוודאָ-סאָציאַליסטן און אויפשטענדלער. דורך די געווער-ליפערונגען האָבן די סאָוויעטן איין ציל: באַ־הערשן, עקספּלואַטירן און פאַרשקלאַפן די באַפעלקערונג אין וויפל לענדער עס לאָזט זיך נאָר. דאָס ווערט געמאַכט דורך שפּיאָנען, ראַטגעבער און מיליטערישע ספּעציאַ־ליסטן.

איין זאַך איז קלאָר:

ווען די סאָוויעטן וואָלטן זיך נישט פאַרבונדן מיטן היטלעריזם און נישט געשטיצט אים מיט אַזאַ ברייטער האַנט, וואָלט באַשטימט די מלחמה פון 1939 נישט אויס־געבראָכן.

דער רעזולטאַט פון שידוך צווישן קאָמוניזם און נאַ־ציאָנאַל-סאָציאַליזם האָט געקאָסט דער מענטשהייט 55 מיליאָן אומגעבראַכטע מענטשן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

וו. יאַבלאָנסקי

י. אַרבאַך

# יידישע „אויסטראַליאַנאַ" 1977

### מעדיטאַציעס — אַ בליק אויפן היינט און אַ ביסל ווייטער

די געשעענישן וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די לעצטע פאַר יאָר אין דער אַלגעמיינער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט מיט מדינת ישראל בפרט, האָבן זיך אויסגעווירקט אויף אַלע יידישע ישובים אין דער פרייער וועלט און אויך אויפן היגן יידישן ישוב. די דאָזיקע וועלט-געשעענישן האָבן אַ ביסל צעטרייסלט די איינגעשטעלטע פּרינציפּן, אַז אַלץ וואָס עס איז גוט געווען פאַר מדינת ישראל איז אויך שטענדיק גוט פאַר עם ישראל. עס איז דעריבער געוואונטשן צו מאַכן גע־וויסע מעדיטאַציעס וועגן אונדזער יידישן ישוב אין יאָר 1977, וועגן „היינט און אַ ביסל ווייטער"...

ווי זעט אויס דער אויסטראַליש-יידישער ישוב אין 1977 אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטור-געזעל־שאַפטלעכן זין?

### פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעך

אויב דער דורכשניטלעכער אויסטראַליער האָט זיך געגעבן אַ קער פון „רעכטס צו לינקס" אילוזאָריש („מעלבורנער בלעטער", נר. 9), האָט זיך דער יידישער ציבור אין אויסטראַליע געגעבן אַ קער פון „לינקס" צו רעכטס בפועל ממש. די סיבות זענען פאַרשיידנאַרטיקע. די „נייטראַלע" („איוון העגדעד") פּאָליטיק פון דער געוועזענער לייבאָר-רעגירונג צו מדינת ישראל; די אַר־כאַישע פּראָלעטאַריש-יוניאָניסטישע עקאָנאָמישע פּאָלי־טיק פון דער דעמיסיאָנירטער לייבאָר-רעגירונג; דאָס וועלן ליקווידירן די אַזוי גערופענע „נאָן-עפּישענט" אינ־דוסטריע, וואָס האָט געדאַרפט אַמייסטנס טרעפן די לייכטע אינדוסטריע וואו די יידישע פּרנסות זענען שטאַרק אַנגאַזשירט; אויך דער שאַרפער אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט געפירט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לינקע „סאָצ־יאַליסטישער" באַוועגונג מיט זייער כלומרשטער אַנטי־ציוניסטישער און אַנטי-ישראלדיקער פּראָפּאַגאַנדע — דאָס אַלץ האָט געשאַפן די שטימונג, אַז דער יידישער בירגער פון אויסטראַליע האָט זיך געגעבן אַ קער פון „לינקס" צו רעכטס — אומאָפּהענגיק פון די מעלות וועל־כע די לייבאָר-פּאַרטיי האָט לגבי דעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע.

איך האָב נישט קיין גענויע סטאַטיסטישע אינ־פאָרמאַציעס וואָס זאָלן שאַפן אַ רעאַל בילד פון דער פּאָ־ליטישער העגעמאָניע אין דעם יידישן לעבן, אָבער מען קען זאָגן אָן מורא צו מאַכן אַ טעות, אַז דער גרעסטער טייל פון יידישן ישוב דאָ האָט אַן אומצוטרוי צו יעדער לייבאָר-רעגירונג. עס איז דאָקעגן פאַראַן אַ שטאַרקע טענדענץ צו שטיצן יעטוועדע ליבעראַלע רעגירונג פון פּראָגרעסיוון אָדער נישט פּראָגרעסיוון כאַראַקטער.

צי וועלן די דאָזיקע טענדענצן און שטרעמונגען באַ־

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 ווערט פּוילן באַפאַלן דורך צענדליקער דייטשע מאָטאָריזירטע דיוויזיעס, הונדערטער עראָפּלאַנען און אַ גרויסע צאָל אַרטילעריע איינהייטן. נאָך זעקס טעג שווערע קאַמפּ ווערט וואַרשע באַדראָט און שפּעטער אַרומגערינגלט. אין דער צייט קומען פאָר גרויסע שלאַכטן ביי קוטנע און ביי מאָדלין. די צוויי פעסטונגען האַלטן אויף דעם דייטשן פאָראויסמאַרש. דער אַזוי גערימטער „בליצקריג״ פאַרשלעפּט זיך. די שלאַכטן ווערן פאַרביסענער. דעמאָלט קומען די סאָוויעטן צו הילף זייער פריינד — נאַצי־דייטשלאַנד. דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 מאַרשירן סאָוויעטישע דיוויזיעס אַריין קיין פּוילן. די צעשלאָגענע און דעמאָראַליזירטע פּוילישע אַרמיי איז נישט בכוח אויפצוהאַלטן די אינוואַזיע פון די סאָוויעטן.

דער שענדלעכער איבערפאַל אויף פּוילן דערמעגלעכט די דייטשע דיוויזיעס אָפּצוהאַלטן דעם זיג איבער דער פּוילישער אַרמיי. מיט דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע ווערט דער קריג פאַרענדיקט. עס הויבט זיך אָן די לאַנגע נאַכט פון אָקופּאַציע, טעראָר און מאָרד איבער דער באַפעלקערונג. אַממערסטן אָבער זענען באַדראָט די יידן און זיי זוכן אַ וועג צו אַנטלויפן. טויזנטער שטעגרונגען טרעפן די יידן אָן אויף זייערע וועגן צו די מזרח געביטן וואָס זענען באַזעצט פון די סאָוויעטן.

די געמיינזאַמע סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ איז נאָך אין דער צייט נישט קיין פעסטגעשטעלטע. די צוגרייטונגען צום האַנדלס־אויסטויש קומען פאָר פיבערהאַפט. עס ווערן אויסגעבעסערט די באַן־ליניעס, פאַרראַכטן די סיגנאַליזאַציע. ס'ווערן געבראַכט אין אָרדענונג די בריקן און וועגן. טאָג און נאַכט לויפן צוגן מיט רוי־שטאָפן און וויכטיקע סטראַטעגישע מאַטעריאַלן; כסדרדיקע צוגן מיט נאַפט־ציסטערנעס יאָגן קיין דייטשלאַנד. די דאָזיקע טראַנספּוזיע דערמעגלעכט דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע צו פאַרגרעסערן איר פּראָדוקציע אויף 50 פּראָצענט. מיט דער הילף פון די סאָוויעטישע רוי־שטאָפן מאַכט נאַצי־דייטשלאַנד צוגרייטונגען צו דעראָבערן איראָפּע.

אין מאַי 1940 קאָנצענטרירט היטלער זיין גאַנצן קריגס־פּאָטענציאַל און וואַרפט אים קעגן בעלגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך. נאָך פיר וואָכן קעמפן ווערן די אַרמייען פון בעלגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך באַזיגט. דאָס פאַרנעמען דענעמאַרק, נאָרוועגיע און יוגאָסלאַוויע איז פאַר דער דייטשער קריגס־מאַשין אַ לייכט שטיקל אַרבעט.

באַלד געפינען זיך קאָלאַבאָראַטאָרן וועלכע אַרבעטן מיט מיטן היטלעריזם. צו די וויכטיקסטע געהערן: קוויסלינג, דעגרעל, פּעטען, פאַוועליטש. אין פּוילן געפינען זיך אויך מענטשן וועלכע זענען גרייט מיטצואַרבעטן און אָרגאַניזירן אַ רעגירונג. דאָס איז פּראָפעסאָר סטודניצקי און דער געוועזענער פּרעמיער קאָזלאָווסקי. זיי רעזיגנירן אָבער באַלד פון שאַפן אַ פּוילישע רעגירונג צוליב די דראָאונגען פון דער פּוילישער אונטערערד.

נאָך דעם ווי די נאַציס אָקופּירן איירופּע, ווערט אַלץ קאָנפיסקירט. מיליאָנען מענטשן אַרבעטן אַלס שקלאַפן פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע. די געשטאַפּאָ בויט נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס, עס ווערן אויסגעאַרבעט די פּלענער צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק.

די דייטשע קריגס־אינדוסטריע איז געגאַנגען אין פולער טעמפּאָ, במילא איז גענוג געווען איין יאָר כדי צוצוגרייטן אַן אָפענסיווע קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד.

דעם 22־טן יוני 1941 איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע: דייטשלאַנד באַפאַלט סאָוויעט־רוסלאַנד, דעם פאַרבינדעטן און אונטערשטיצער, דעם צושטעלער פון רוי־שטאָפן און אַפּראָוויזאַציע, דעם איבערגעגעבענעם פריינד וואָס האָט נישט דערלאָזט אַז היטלער־דייטשלאַנד זאָל דאַרפן קעמפן אויף צוויי פראָנטן.

פון ערשטן מאָמענט פונעם איבערפאַל האַלטן די סאָוויעטישע אַרמייען אין איין אָפּטרעטן אין הינטערלאַנד. נאָך זעקס וואָכן קעמפן געפינט זיך די דייטשע אַרמיי טיף אין רוסלאַנד: קיעוו, מינסק, כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט געפינען זיך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

די סאָוויעטישע רעגירונג און אירע אַמטן ווערן עוואַקואירט קיין קויבישעוו, ווייל מאָסקווע איז באַדראָט פון עטלעכע זייטן.

אין די טראַגישע טעג פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד קניפּט זי ווידער אָן די איבערגעריסענע אונטערהאַנדלונגען (פון 1939) מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן. ס'ווערט דאַן אונטערגעשריבן דער שיקאָרסקי־מייסקי אָפּמאַך וואו עס זאָגט זיך, אַז נאָכן זיג איבערן היטלעריזם וועט פּוילן ווידער ווערן אַ סווערענע מלוכה ווי פאַר דער צעטיילונג.

רוסלאַנד באַקומט הילף פון די אַלירטע אין ווערט פון מיליאַרדן. זי ווערט אַ פאַרבינדעטע אין אַנטי־היטלעריסטישן בלאָק. שיפן־קאָנוואָיען מיט געווער, אויטאָמאָבילן, מאַשינען, קליידער און שפּייז — קומען איצט פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין רוסלאַנד. די מאַטעריעלע הילף פון אַמעריקע דערמעגלעכט די סאָוויעטן אָנצוהויבן אַ קאָנטער־אַטאַקע קעגן די דייטשע דיוויזיעס. אַ דאַנק דעם, וואָס די נאַציס האָבן איצט אַ צוויי־פראָנטיקן קריג, נעמען די סאָוויעטישע אַרמייען צוריק דעראָבערן זייערע טעריטאָריעס און דערנענטערן זיך צו די אַמאָליקע פּוילישע גרענעצן.

ווען די סאָוויעטישע אַרמיי פאַריאָגט די נאַציס פון כעלם און לובלין, ברענגען די סאָוויעטן אַ קאָמוניסטישע רעגירונג, וועלכע מ'האָט צונויפגעשטעלט אין מאָסקווע. וועגן דעם אָפּמאַך צווישן שיקאָרסקין און מאַיסקין מאַכט מען זיך פאַרגעסן.

דעם 1־טן אויגוסט 1944 ברעכט אויס דער וואַר־

ו. יאַבלאָנסקי

# צום יאָרטאָג, פון דער 2-טער וועלט-מלחמה

דעם ערשטן סעפּטעמבער ה״י וועט דאָס יידישע פאָלק אָפּצייכענען דעם יאָרטאָג פון אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די טראַגישע דאַטע וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן. מיט דער דאַטע הויבט זיך אָן דער פּערמאַנענטער מאָרד פון אייראָפּעאישן יידנטום. אַ מאָרד וואָס האָט געקאָסט דעם יידישן פאָלק זעקס מיליאָן קרבנות.

שוין פרי־יאָר 1939 הויבן זיך אָן די דראָאונגען פון היטלער־דייטשלאַנד קעגן פּוילן. די באַפעלקערונג, ספּעציעל די יידישע, פאָלגט נאָך מיט זאָרג די אַנטוויקלונגען פון די געשעענישן אין מיטל־אייראָפּע. דאָס געשפּענסט פון היטלעריזם הויבט אָן אַריינדרינגען אין עסטרייך, סודעטן־לאַנד, מעמעל. דער פאָראויסמאַרשוואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלע קרייזן פון פּוילן. די יידן פאָלגן נאָך מיט ציטער די האַנדלונגען פון די נאַציס קעגן די דייטשע יידן.

דער פּאָגראָם איבער דער יידישער באַפעלקערונג, די „קריסטאַל נאַכט״, מאַכט קלאָר פאַר די יידן אין פּוילן וואָס אַזוינס די נאַציס שטעלן מיט זיך פאָר.

דער אויסרייד פאַרן פּאָגראָם אין דייטשלאַנד איז געווען פאַרבונדן מיטן אַטענטאַט פון דעם 17־יאָריקן בחור הערשל גרינשפּאַן, וועלכער האָט דעם 7־טן נאָוועמבער 1938 געשאָסן צום סעקרעטאַר פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז פאָן ראַט. דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט פאַר דערמאָרדן זיינע עלטערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער זאַקסענהאַוזען.

אין די טעג פון 9־טן און 10־טן נאָוועמבער 1938 זענען דערמאָרדעט געוואָרן 36 יידן. איבער טויזנט זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, 20,000 זענען געוואָרן אַרעסטירט; 191 סינאַגאָגעס זענען פאַרברענט געוואָרן.

מיטן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט, האָט דאָס פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום, אונטער דער אָנפירונג פון יאָזעף געבעלס, נאָכאַנאַנד געמונטערט די דייטשן צו רעוואַנזש דורך מלחמה.

די אַנטי־פאַשיסטן אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער האָבן געענטפערט מיט צאָלרייכע מאַניפעסטאַציעס. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַנטי־מלחמה קאָנגרעסן; ס׳איז אַנטשטאַנען דער פאָלקס־פראָנט פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען. דער 7־טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט נישט נאָר ברייט אונטערשטיצט די אַנטי־פאַשיסטישע אַקציעס, דער קאָמינטערן האָט געוואָלט זיין דער אָנפירער פון אַט די אַקציעס.

גלייכצייטיק האָט דער קאָמינטערן (וואָס איז געווען אַ װערקצייג פון סאָוויעטישן פּאָליט־ביוראָ) ליקווידירט קאָמוניסטישע פּאַרטייען, און נישט רעאַגירט ווען ס׳איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן דער אַקטיוו פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און די סאָוויעטישע רעגירונג, און צוזאַמען מיט איר דער קאָמינטערן, האָבן געענדערט זייער פּאָליטישן קורס: פון אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער זענען זיי געוואָרן די פאַרבינדעטע פון פאַשיזם; פון שלום־פריידיקער זענען זיי געוואָרן די אונטערשטיצערס פון די וועלכע האָבן גערופן צו מלחמה.

אין יענע טעג, פול מיט שפּאַנונג, האָט זיך באַוויזן אַן אומגלויבלעכע ידיעה:

**דער ראַטן-פאַרבאַנד האָט אונטערגעשריבן אַ נישט־אָנגריף אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד**

אַ טאָג שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די ענגליש־פראַנצויזישע מיליטערישע דעלעגאַציע, וואָס האָט אונטערגעהאַנדלט מיט רוסלאַנד, האָט פאַרלאָזט מאָסקווע.

אין דער זעלבער צייט ווען די ענגלענדער און די פראַנצויזן האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט די סאָוויעטן וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמען אַנטי־היטלער פראָנט, האָבן די סאָוויעטן אונטערגעשריבן — דעם 19-טן אויגוסט — אַ האַנדלס-אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד.

דער נישט־אָנגריף־פּאַקט צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, אונטערגעשריבן דורך ריבענטראָפּן און מאָלאָטאָוון, האָט געהאַט נאָך אַ דאָקומענט. דאָס איז געווען אַ געהיימער פּראָטאָקאָל, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 הויפּטפּונקטן. געהאַנדלט האָט זיך וועגן איינטיילן זיך מיט אייראָפּע. רוסלאַנד האָט באַקומען די מזרח־קרעסן פון פּוילן (אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד), ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע, אַ טייל פון פינלאַנד און אַ טייל פון רומעניע — בעסאַראַביע.

די צוויי דאָקומענטן האָבן פאַרזיכערט דייטשלאַנד, אַז זי וועט נישט האָבן קיין קריג אויף צוויי פראָנטן. עס איז אויך געווען דער סיגנאַל אָנצוהויבן די מלחמה קעגן פּוילן.

נאָכן אונטערשרייבן די דאָקומענטן קומען פאָר אין קרעמל גרויסע פייערונגען. די צופרידנקייט פון ביידע צדדים ווערט דעמאָנסטרירט עפנטלעך. סטאַלין שיקט אַ טעלעגראַמע צו היטלערן און ווינטשט אים אַ סך געזונט און דריקט אויס זיין צופרידנקייט וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט צוטרוי צום פירער. אַן ענלעך בריוול האָט סטאַלין באַקומען פון היטלערן. ריבענטראָפּ דריקט אויס זיין באַגייסטערונג מיט דער נייער פריינטשאַפט און ווינטשט זיך עס זאָל ווי אַמשנעלסטן אַנטשטיין אַ געמיינזאַמע גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. ער רעדט אויך וועגן האַנדלס-אָפּמאַך און האָפט, אַז ער וועט פונקציאָנירן אָן שטערונגען.

פּ. רינגעלבלום

# יוסף גיליגיטש — דער לערער פון אַ דור

ס'איז אַוועק אין דער אייביקייט איינער פון די לעצטע פּיאָנערן פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן אין מזרח-אייראָפּע און דער בויער פון די יידישע שולן אין אויסטראַליע — יוסף גיליגיטש.

דער נפטר האָט געהערט צו דעם רומפולן דור טוער וועלכער האָט ביים סוף 19-טן און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן דעם הערלעכן קאַפּיטל פון אַ נייעם דרך אין יידישן לעבן — די יידיש-וועלטלעכע קולטור, די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און יידישע קולטור.

יוסף גיליגיטש איז אַליין אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ מתנגדישער משפחה און באַקומען אַ גרינטלעכע רעליגיעזע דערציאונג, אָבער פון זיינע ערשטע באַוואוסטזיניקע יאָרן אָן האָט ער דערשפּירט די נויטיקייט פון אַנטוויקלען די נאַטירלעכע קולטור-אוצרות פון פאָלק, בפרט אין דער דעמאָלט אונטערדריקטער פאָלקס-שפּראַך — יידיש.

נאָכן פאַרענדיקן דעם לערער-אינסטיטוט אין ווילנע ווערט ער אַ לערער און ווידמעט זיך בלב ונפש דעם פלעגן און לערנען זיינע תלמידים זייער מאַמע-לשון, אפילו אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון דעם צאַרישן רעזשים.

בעת אַ קאָנפערענץ פון לערער, אַזעלכע ווי ער, ווערט ער אַרעסטירט צוזאַמען מיט די אַנדערע אָנטיילנעמער און — ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען — ווערט די קאָנפערענץ פון יידיש-לערער, פּיאָנערן פון מאָדערנעם יידישן שול-וועזן, פאַרגעזעצט אין טורמע.

די קעגנערשאַפט צו יידיש אַלס פאָלקס-שפּראַך איז, אויסער פון די צאַרישע מאַכט-אָרגאַנען, געקומען אויך פון די יידישע אַסימילאַטאָרישע קרייזן, וועלכע האָבן פאַרשריגן יידיש אַלס זשאַרגאָן, און פון דער אָנהייבנדיקער העברעאישער באַוועגונג פון „איין פאָלק — איין שפּראַך".

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען די אידעאַליסטישע יידיש-פּיאָנערן אָנצוהייבן בויען און אַנטוויקלען די ערשטע יידישע שולן. אויב מ'זאָל צו דעם נאָך צוגעבן דעם גרויסן דוחק אין געלט-מיטלען, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן וויפיל אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט עס האָט זיך פאַרלאַנגט פון די דאָזיקע טוער, כדי צו דערגרייכן די גרויסע נעץ פון יידישע שולן און קינדער-גערטנער, גימנאַזיעס און לערער-סעמינאַרן, פאָלקס-אוניווערסיטעטן און ביבליאָטעקן, דעם גרויסן ייוו"אָ-צענטער און מעדעם-סאַנאַטאָריע — וואָס דאָס אַלץ האָט געשאַפן דעם הערלעכן קולטור-פּייסאַזש פון מאָדערנעם יידיש-וועלטלעכן לעבן אין צווישן-מלחמהדיקן פוילן.

ווייטערדיקע שפּראַצונגען זענען אויך דערגאַנגען אויסער די גרענעצן פון פוילן — קיין רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, וואו יוסף גיליגיטש האָט זיך באַזעצט נאָכן אַנטלויפן פון ראַטן-פאַרבאַנד, און איז שפּעטער געוואָרן דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער רעאַל-גימנאַזיע אין ריגע.

יוסף גיליגיטש האָט זיך ספּעציאַליזירט אין נאַטור-וויסנשאַפט, וואָס איז געווען אַ פאַרנאַכלעסיקטער געביט אין דער יידישער פּעדאַגאָגיק. צוליבן מאַנגל אין לערן-מאַטעריאַל האָט ער אַליין געשריבן לערנביכער. צוליב דער אָרעמקייט פון פּרעציזער יידישער טערמינאָלאָגיע, האָט ער אַליין געשאַפן נייע יידיש-באַגריפן. און איז נויטיק געווען צוצוגרייטן אַ פאָרשטעלונג אין שול — האָט ער געשריבן קינדער-פּיעסן און אפילו אַ קינדער-אָפּערע „דאָס שניי-מיידעלע".

י. גיליגיטש איז אָנגעקומען קיין מעלבורן אין 1937 אַלס שליח פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין פוילן און דערנאָך פאַרבליבן אַלס אָנפירער פון די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע „יידיש-קורסן", וועלכע ער האָט רעאָרגאַניזירט אַלס די היינט באַקאַנטע י. ל. פּרץ-שול. פון דעם דאָזיקן אָנהייב איז שפּעטער אויפגעקומען די שלום-עליכם-שול און די קינדער-גערטנער, ווי אויך די יידישע שול אין סידנעי.

גלייכצייטיק מיט זיין שול-אַרבעט וואַרפט ער זיך אַריין אין דער קולטור-טעטיקייט פון דער „קדימה", וועלכע האָט אין אויסטראַליע אויפגעהאַלטן די זעלבע יסודות פאַר וועלכע גיליגיטש האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט. ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער טוער פאַרן הילפס-פאָנד אין זיינע אַקציעס צו זאַמלען פאָנדן פאַר דער שארית-הפליטה נאָך דעם גרויסן חורבן, פאַר דער אַבסאָרבירונג פון נייע יידישע אימיגראַנטן אין אויסטראַליע.

פון זיין פריער יוגנט איז יוסף גיליגיטש געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין „בונד" און אַ וועלטלעכער ייד. אַלע זיינע יאָרן אַלס לערער און לעקטאָר האָט ער אַרויסגעהויבן די גרונט-פּרינציפּן פון בונדיזם און דעם תוכן פון יידישער רעליגיע; קאַמף פאַר יידישער פאָלקס-קולטור, פאַר יידישן המשך איבער דער גאָרער וועלט, פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַר טאָלעראַנץ און פאַר הומאַנער באַציאונג צווישן מענטשן.

יוסף גיליגיטש האָט אין משך פון זיין אַקטיוון קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן און זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט זיך דערוואָרבן אַ סך פריינד, בפרט צווישן זיינע תלמידים וואָס זענען צעשפּרייט איבער אַלע תפוצות. זיין אידעאַליזם האָט באַפליגלט אַ גאַנצן דור, וואָס האָט פון אים געלערנט און איז ממשיך זיין טיפן גלויבן אין דעם קיום פון יידישן פאָלק און זיין פאָלקס-שפּראַך — יידיש.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק.

אויסצוגן פון תנ״ך, סיי פון פרקי־אבות. די קינדער זענען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם לימוד און אויף אַלע וואָכט־צייטונגען זענען געווען שילער־אַרבעטן אויף פאַרשידענע טעמעס פון דעם עטיק־לימוד.

— דאָס ערשטע יאָר איז די אַרבעט פון צוגרייטן די לעקציעס פון עטיק געווען ווייט נישט קיין לייכטע. קיין האַנטבוך פאַרן לימוד איז נישט געווען און איך האָב געמוזט דורכבלעטערן דעם גרעסטן טייל פון חומש און כמעט אַלע נביאים כדי צו געפינען דעם נויטיקן מאַטעריאַל און אַרויסנעמען ציטאַטן. אַ סך שפּעטער האָב איך געקראָגן צוויי אינטערעסאַנטע ביכער: „די נביאים״ פון יהואש. אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די שלום עליכם שול, אַ שוועסטער־שול צו דער פּרץ־שול, איז דער עטיק־לימוד אויך דאָרט איינגעפירט געוואָרן.

— ווען איך האָב אויף דער בילדונג־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין 1965, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט דער אַרבעטער־רינג, דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד און דער שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אונדזערע מעלבורנער שולן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר זענען די איינציקע יידיש־וועלטלעכע שולן אין דער וועלט וואָס האָבן דעם לימוד עטיק. דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג יעקב לעווין, אַ מחבר פון אַ ריי יידישע לערן־ביכער, האָט פאָרגעלייגט אַז דער לימוד זאָל איינגעפירט ווערן אין אַלע יידישע שולן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דירעקטאָר פון דעם בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט פון אַרבעטער־רינג זלמן יעפרויקין האָט מיך געבעטן אים געבן מיין באַריכט, וועט ער אים אָפּדרוקן אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל פון אַרבעטער־רינג. אין צווישנצייט איז ער געשטאָרבן און דער באַריכט איז אַזוי אַרום נישט געדרוקט געוואָרן.

נאָך אַ געביט פון אַ גרויסן אויפטו איז צו פאַרדאַנקען יוסף גיליגיטשן. אונדזער שול איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו פילן אַ מאַנגל אין לערער, וואָס זאָלן זיין פּעדאַגאָגיש צוגעגרייט צו די באַדערפענישן פון אונדזערע שולן, איז גיליגיטש געקומען מיט אַ פאָרשלאַג צו עפענען לערער־קורסן. גערעדט און געטאָן. זעקס אַזעלכע לערער־קורסן האָט מען דורכגעפירט. די תלמידים זענען געווען סיי דערוואַקסענע און שילער־אַביטוריענטן פון דער צוגאָב־שול.

אין פּראָגראַם זענען אַריין פאָלגנדיקע לימודים: יידישע גראַמאַטיק; יידישע ליטעראַטור פון דער השכלה־עפּאָכע, וואָס איז נישט געלערנט געוואָרן אין שול (עטינגער און זיין עפּאָכע); מעטאָדיק פון לערנען יידיש, ווי אַזוי מען דאַרף לערנען אין ערשטן, צווייטן און דריטן קלאַס; פּראַקטישע לעקציעס פון אַ סטודענט אין אַ קלאַס; קאָנספּעקטן וועגן לעקציעס וואָס אַ לערער דאַרף געבן; דראַמאַטיזאַציע פון דערציילונגען; עלעמענטאַרע כללים פון העברעאיש.

* * *

ס׳איז פאַראַן פיל צו דערציילן ווי אַזוי די פּרץ־שול איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. איין עפּיזאָד איז ווערט צו פאַרצייכענען.

געווען איז דאָס שוין אין דער מלחמה־צייט. דער קינדער־כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון פריינד פּנחס שאַרף האָט געהאַט איינגעזונגען פיל פאָלקס־לידער מיט וועלכע נישט איין כאָר פון דערוואַקסענע האָט געקאָנט שטאָלצירן. האָט מען זיך געווענדעט צו דער לאָקאַלער מלוכהשער ראַדיאָ־סטאַציע צי זיי זענען גרייט צו דערלויבן דעם שול־כאָר צו געבן אַ ראַדיאָ־אוידיציע. מען האָט זיך געקווענקלט אָבער שפּעטער האָבן זיי מסכים געווען. דער אַרויסטריט האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַ יאָר שפּעטער, מיט פרישע לידער, האָט מען זיך נאָך אַ מאָל געווענדעט וועגן אַן אוידיציע. זיי האָבן גלייך מסכים געווען. אָבער די אויספירונג איז געווען אַ ביסל אַנדערש, מען האָט געזונגען פון דער „קדימה״־געביידע. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט הונדערטער מענטשן אָבער בעתן זינגען — אַ טויט־שטילקייט. דאָס יידישע ליד איז דאָס מאָל געוואָרן טראַנסמיטירט נישט בלויז איבער גאַנץ אויסטראַליע, נאָר אויך צו אַלע פּאַציפישע אינדזלען וואו עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען די אויסטראַלישע און אַמעריקאַנער אַרמייען. דער דערפאָלג איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. אין מיטן פון אונדזער גרויסן חורבן, ווען יידיש לעבן איז פאַרגאַזט געוואָרן, האָט מען געקאָנט הערן אויף די כוואַליעס פון ראַדיאָ איבער דער גאָרער וועלט דאָס געזאַנג פון יידישן ליד, אַז מיר לעבן ווייטער.

מיר האָבן דעמאָלט דערהאַלטן פיל דאַנק־בריוו נישט בלויז פון מעלבורן, נאָר אויך פון דער גרויסער וועלט פאַר דער גרויסער הנאה וואָס מיר האָבן פאַרשאַפט.

---

## באַמערקונג פון מחבר —

דער אויבן דערמאָנטער אַרטיקל — וועגן יוסף גיליגיטשעס פּעדאַגאָגישן אויפטו אויפן געביט פון דעם לימוד עטיק פון דער יידישער רעליגיע — איז געשריבן געוואָרן מיט אַ צייט צוריק, און איז אויך אויסגעזעצט געוואָרן פאַר דעם טויט פון יוסף גיליגיטש. ער איז דעריבער נישט געמיינט צו געבן אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון דער פּערזענלעכקייט יוסף גיליגיטש.

דאָ איז ווערט צו פאַרצייכענען אַ שטריך וואָס איז כאַראַקטעריזירט גיליגיטשעס דיסציפּלין און אויסדויער. ס'איז שוין געווען אַן איינגעשטעלטער „מנהג" ביי יידן, נאָך אין דער אַלטער היים, אַז ווען מען אַנאָנסירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אָדער אַ רעפעראַט אויף אַ באַשטימטער צייט, ווייסט שוין דער עולם, אַז ווען מ'וועט קומען אפילו מיט אַ שעה שפּעטער, וועט נאָך אַלץ זיין צו פרי... אָבער גיליגיטש איז נישט פון דעם סאָרט מענטשן וואָס שטעלט אָפּ דעם זייגער... האָט ער אַלע זיינע צוהערער געמאָלדן, אַז די לעקציעס וועלן זיך אָנהויבן פּינקטלעך 8.30 אָוונט ביי יעדע צאָל אָנוועזנדע. אָבער נישט אַלע האָבן גענומען ערנסט די וואָרענונג, און ווי ס'איז געווען זייער געוואוינהייט, זענען זיי געקומען לויטן אַלטן שטייגער... גיליגיטש איז געווען אַ גוטער רעדנער מיט אַ פיינער שטימע און געמאַכט זיינע לעקציעס אינטערעסאַנט און לעבעדיק. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרשפּעטיקטע האָבן אַ העלפט פון די לעקציעס פאַרלוירן. עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז גיליגיטשעס עקשנות האָט געבראָכן זייער אָפּגעלאָזנקייט. פון דעמאָלט אָן האָבן יידישע באַזוכער אויף יידישע אונטערנעמונגען זיך אויסגעלערנט צו קענען לייענען דעם זייגער...

## אַ נייער לימוד — עטיק פון דער יידישער רעליגיע

אין אַ שמועס מיטן חבר גיליגיטש האָב איך אים געפרעגט, ווי אַזוי איז צו אים געקומען דער געדאַנק איינצופירן אין אונדזער שול, וואָס איז אין תוך אַ וועלטלעכע, אַ לימוד „עטיק פון דער יידישער רעליגיע".

אויף דעם האָט גיליגיטש געענטפערט: דער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן בעת ער האָט געגעבן אַ פּריוואַטע לעקציע אַ יונגן שילער. דער פאָטער פון דעם תלמיד, אַליין אַ גרויסער גביר, וועמען ס'האָט נישט געפּאַסט צו שיקן זיין קינד אין דער צוגאָב־שול און צו דעם איז ער אויך געווען קאָמוניסטיש איינגעשטעלט... האָט ער געפרעגט צי גיליגיטש וואָלט גרייט געווען צו לערנען זיין זון די עטישע באַגריפן פון דער יידישער רעליגיע. גיליגיטש האָט מסכים געווען. די דאָזיקע ווענדונג האָט אים גלייך געפירט ווייטער, אַז דאָס קען אויך דינען אַלס אַ נייער לימוד פאַר אונדזער שול. און ער האָט מיר ווייטער געזאָגט:

— איך האָב זיך איבערצייגט, אַז יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, העברעאיש און יידישע געשיכטע, וואָס מיר לערנען אין אונדזער שול, זענען נישט גענוג כדי צו געבן אונדזערע קינדער אַ באַגריף מיט וואָס מיר שיידן זיך אונטער פון אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע לימודים האָבן געגעבן די קינדער יידישן וויסן און טיילוויז אַ באַגריף וועגן יידישן געוויסן. כדי די קינדער זאָלן האָבן אַ פולערן באַגריף וועגן יידישער עטיק, דאַרף מען זיך ווענדן צו די אור־אַלטע מקורים פון יידישער עטיק, ד. ה. צו דער תורה, די נביאים און דעם תלמוד.

— תורה: שוין אין די צען געבאָטן, דעם גרונטשטיין פון דער יידישער רעליגיע, איז דער ווייט־גרעסטער טייל אַ סאָציאַל-עטישער. וואו מעגלעך, האָב איך פאַרגליכן די יידישע עטישע געזעצן מיט די גריכישע, רוימישע און אַנדערע פעלקער. ווי אַ ביישפּיל האָב איך גענומען די הומאַניטאַרע געזעצן וועגן דער באַציאונג פון יידן צו קנעכט און די ברוטאַלע געזעצן ביי די מיצרים, גריכן און רוימער. איך האָב אפילו באַהאַנדלט די באַציאונג צו קנעכט אין רוסלאַנד און אַמעריקע אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט.

— מיר האָבן זיך גענוי אָפּגעשטעלט אויף געזעצן וועגן סאָציאַלער פאַרזאָרגונג ביי יידן (דאַכט זיך, דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט איינגעפירט אין יענער צייט אַזעלכע געזעצן), ווי לקט — איבערלאָזן די אַראָפּגעפאַלענע זאַנגען תבואה און פּרוכט פאַר אָרעמע; פּאה — איבערלאָזן אַ ווינקל אין פעלד מיט תבואה פאַר אָרעמע; שכחה — אויב מען האָט פאַרגעסן מיטצונעמען פון פעלד אַ בינטל תבואה, אָדער אַ קערבל פּרוכט פון גאָרטן, טאָר מען זיך נישט אומקערן דאָס צו נעמען, ווייל דאָס געהערט צו אָרעמע לייט; שמיטה — זעקס יאָר קען מען פאַרזייען דאָס פעלד, אָבער דאָס זיבעטע יאָר טאָר מען דאָס פעלד נישט פאַרזייען. אויב פון די פאַראַיאָריקע אַראָפּגעפאַלענע קערנער וואַקסט אויס תבואה, געהער דאָס נישט צום באַלעבאָס נאָר צו די אָרעמע לייט; יובל — דאָס יאָר נאָך זיבן שמיטות, די געזעצן ווי אין שמיטה, און אויב עמיצער האָט פאַרקויפט זיין פעלד, באַקומט ער דאָס צוריק אומזיסט אין יובל־יאָר.

— מיר האָבן אויך געלערנט געזעצן וועגן פרעמדע (גרים), וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל; וועגן גלייכהייט פון אָרעמע און רייכע פאַרן געריכט, וועגן אָרענטלעכקייט אין האַנדל און אַנדערע געזעצן.

— ב) נביאים: מיר האָבן גענומען אויסצוגן פון שמואל, דעם עפּיזאָד נתן הנביא און דוד המלך, אליהו, ישעיה, ירמיהו און יחזקאל. מיר האָבן גענוי זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער קאַמף קעגן געצנדינעריי, פאַר גערעכטיקייט און קעגן דער אונטערדריקונג פון די אָרעמע און שוואַכע. די נביאים האָבן געשטראָפט נישט נאָר דאָס פּראָסטע פאָלק, נאָר זענען אַרויסגעטרעטן אויך קעגן די רייכע, די כהנים, און אפילו קעגן קעניג. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די פאַרפאָלגונגען צוליב זייערע האַרבע שטראָף־ווערטער (אליהו, באַזונדערס ירמיה). זיי האָבן געוואָרנט דאָס פאָלק, אַז גאָט וועט זיי שטראָפן פאַר זייערע זינד און פאַר אונטערדריקן די אָרעמע. אָבער ווען דאָס פאָלק האָט געליטן אַ קאַטאַסטראָפע און אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג, האָבן די נביאים זיי געטרייסט און צוגעגעבן מוט און האָפענונג (ישעיה, ירמיה, יחזקאל).

— ג) תלמוד: פאַר דער תלמודישער עפּאָכע האָבן מיר אויסגענוצט פּרקי־אבות. פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דער באַגרענעצטער צייט האָבן מיר געמוזט נעמען בלויז

אַ קינדערגאָרטן און אַן אייגענעם שול־בנין. עס וועט מיר אפשר שפּעטער אויסקומען וועגן דעם מער אויספירלעכער צו דערציילן. ביי דער געלעגנהייט אָבער איז נויטיק צו פאַרצייכענען אייניקע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן דער פּערזענלעכקייט פון יוסף גיליגיטש.

געבוירן אין 1891 אין זשיטאָמיר, אוקראַינע, ביי אָרעמע עלטערן, וואו די מאַמע איז געווען די פּרנסה־געבערין און דער טאַטע האָט געלערנט אַ שיעור, און אויך מיט זיין יונגן זון יוסף געלערנט רעליגיעזע לימודים. ביי 7 יאָר ווערט ער אַ תלמיד אין דער מוסטער־שול, אַ חדר מתוקן, וואו מען לערנט נאָר העברעאישע און אויך וועלטלעכע לימודים. ביי 14 יאָר קומט ער קיין ווילנע. ער לערנט וועלטלעכע לימודים אין אַ רוסישער שול פאַר יידישע קינדער. אין 1908 זעט מען אים אַלס סטודענט אין יידישן לערער־אינסטיטוט, די געוועזענע ראַבינער־שול, און פיר יאָר שפּעטער באַקומט ער זיין דיפּלאָם. ער קריגט אַ פּאָסטן אַלס לערער פון רוסיש אין בערדיטשעוו, אָבער אין געהיים, אָן וויסן פון פאַרוואַלטער און זיינע קאָלעגן־לערער, לערנט ער מיט זיינע שילער פון די עלטערע קלאַסן — יידיש.

ווען אין 1917 ברעכט אויס די רוסישע רעוואָלוציע געפינט מען גיליגיטשן אין קעסל פון די געשעענישן. ער איז דער פאָרזיצער פון „בונד" אין בערדיטשעוו: וויצע־פאָרזיצער פון דער שטאָט־דומע; אַ מיטגליד אין דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג; וויצע־פאָרזיצער פון ראַט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן אין שטאָט (אין קערענסקיס צייטן). ער גרינדעט אויך די ערשטע יידישע טאָגשול.

עס ברעכט אויס דער רוסישער בירגער־קריג. די רעזשימען טוישן זיך יעדע פאָר וואָכן פון רעכטס אויף לינקס און פאַרקערט: אַ מאָל די פּעטלוראָווצעס, אַ מאָל די באָלשעוויקעס. שונאים לויערן אויף אים, עס דראָט אים טויט־געפאַר. עס געלינגט אים צו אַנטלויפן און ער קומט אָן צו פוס קיין ווילנע, איבערלאָזנדיק זיין פרוי קלאַראַ מיט זייער טאָכטער שולמית אין בערדיטשעוו. שפּעטער, מיט גרויסע שוועריקייטן און סכנות, ווערט די פאַמיליע גיליגיטש צוריק פאַראייניקט אין ווילנע.

אין ווילנע בלייבט נישט גיליגיטש זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. זיין טעמפּעראַמענט און אימפּעט און געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט לאָזט אים נישט רוען. ער גרינדעט אין 1919 אַ יידישע שול, ווערט איר פאַרוואַלטער און שליסט איר אָן אין צ.ב.ק. (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט). דאָס איז ענלעך צו דער ציש"אָ אין וואַרשע, ווייל דעמאָלט האָט ווילנע נאָך נישט געהערט צו פּוילן, דערפאַר האָבן זיך געשאַפן צוויי באַזונדערע שול־צענטראַלעס.

שפּעטער ווערט ער לערער אין דער רעאַל־גימנאַזיע און פירט אָן מיט פּעדאַגאָגישע קורסן ביי דער ווילנער קהילה. ער איז אויך לערער אין אַ דראַמאַטישער שול, שרייבט אָן קינדער־פּיעסן און פירט זיי אויף מיט די קינדער. אין יענער צייט פעלן אויס לערן־ביכער אין יידיש. זייענדיק אַ לערער פון נאַטור־וויסנשאַפט, שרייבט גיליגיטש אָן אַ לערנבוך פון נאַטור־וויסנשאַפט און שאַפט די געהעריקע יידישע טערמינען פאַר דעם דאָזיקן לימוד.

צוליבן אויספעלן פון לערער אין לעטלאַנד, באַזעצט זיך גיליגיטש מיט זיין פאַמיליע אין ריגע. אויסער שול־אַרבעט פאַר יוגנט, פירט ער אין אָוונט אַ מיטל־שול פאַר דערוואַקסענע מיט אַלע יורידישע און פּעדאַגאָגישע רעכט. ער פירט דאָרטן אַ פאַרצווייגטע שול־ און קולטור־אַרבעט.

אָבער אין 1934 קומט פאָר אַן איבערקערעניש אין לעטלאַנד, אַ פאַשיסטישע רעגירונג קומט צו דער מאַכט. אויפן פאַרלאַנג פון דער „אגודה", די רעליגיעזע יידישע פּאַרטיי, צווינגט די לעטישע רעגירונג, אַז די קינדער פון דער יידישער שול, וואָס איז אַ וועלטלעכע, זאָל מען פירן דאַוונען. די לערער פּראָטעסטירן און ווילן נישט אויספירן די באַפעלן פון דער רעגירונג. אַלע יידישע לערער ווערן באַזייטיקט פון דער שול, צווישן זיי אויך גיליגיטש. ער ווערט אַרבעטלאָז. די פאַמיליע האָט זיך שוין דערווייל פאַרגרעסערט, צו דער טאָכטער שולמית קומט צו דער יונגער זון מאיר. די פּרנסה־געבערין ווערט קלאַראַ...

* * *

די ציש"אָ אין וואַרשע האָט געוואוסט ווער גיליגיטש איז און אין וואָס פאַר אַ מאַטעריעלער לאַגע ער געפינט זיך. ער ווערט איינגעלאַדן קיין וואַרשע אָנצופירן מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. נאָך ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט האָט ער געאַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע און באַקומען די געהעריקע דערפאַרונג. אין איצטיקן פאַל איז דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, שלמה גילינסקי, קראַנק געוואָרן און גיליגיטש נעמט איבער די אָנפירערשאַפט. ער בלייבט פאַרוואַלטער ביז זיין אַרויספאָרן קיין אויסטראַליע אין דער צווייטער העלפט 1937.

גיליגיטש באַזעצט זיך אין מעלבורן און נעמט איבער אַלס פאַרוואַלטער די פּעדאַגאָגישע אָנפירערשאַפט פון דער יידישער צוגאָב־שול, וואָס ווערט שפּעטער, אויף זיין פאָרשלאַג, אָנגערופן י. ל. פּרץ־שול. ער ווידמעט זיין צייט נישט בלויז דער שול, נאָר אויך פיל אַנדערע געביטן פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. אַלס אַ לאַנג־יעריקער בונדיסט שליסט ער זיך אָן אין דער דעמאָלט קליינער בונדישער גרופּע. ער אַרבעט מיט מיטן קאָמיטעט פאַרן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין פּוילן. ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער קולטור־אַרבעט פון „קדימה"; ער באַנייט דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט פאַר ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען, וואָס איז אין זיינע צייטן געגרינדעט געוואָרן דורך דעם פריערדיקן שול־פאַרוואַלטער, דעם שרייבער מלך ראַוויטש.

סענדער בורשטין

# די פּעדאַגאָגישע אויפטוען פון יוסף גיליגיטש

פון דער סעריע: זכרונות פון אַ מאָל

נאָך ראַוויטשעס פאַרלאָזן אויסטראַליע (יולי 1937), נעמט איבער די שול אַלס פאַרוואַלטער חיים גורט. ער איז נאָך פון פריער געווען לערער אין דער שול. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך וויסן, סיי אין דער יידישער, סיי אין דער וועלט-ליטעראַטור. געווען אויך אַ גוטער לעקטאָר און געגעבן אַ געוויסן צושטייער אויפן קולטור-געביט אין מעלבורן.

אָבער אין דעם דאָזיקן פעריאָד לעבט די יידישע שול איבער אַ קריזיס וואָס איז נישט געווען אָפּהענגיק פון איר. עס ברעכט אויס אין מעלבורן אַן עפּידעמיע פון פּאָליאָ-פּאַראַליזש, אַ געפערלעכע קראַנקהייט און אַן אָנשטעקנדיקע. עלטערן האָבן מורא צו שיקן זייערע קינדער אין דער שול. פיל מלוכהשע שולן שליסן זיך. דאָס רופט זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּ אויך אויף אונדזער שול און מיר מוזן איר צייטווייליק שליסן. זי ווערט ערשט באַנייט נאָך אַ פּאָר חדשים, ווען די עפּידעמיע האָט זיך איינגעשטילט.

* * *

אין דער זעלבער צייט האָט די ציש"אָ אין וואַרשע געפּלאַנט צו שיקן אַ דעלעגאַט קיין אויסטראַליע דורכצופירן אַן אַקציע פאַר די יידישע שולן און דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. צווישן אַ ריי קאַנדידאַטן וואָס די ציש"אָ האָט פּראָיעקטירט, האָט זי צום סוף אויסגעקליבן די קאַנדידאַטור פון חבר יוסף גיליגיטש. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז כמעט די זעלבע דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען ווען ראַוויטש האָט געהאַט בדעה צו קומען קיין אויסטראַליע, וועגן וואָס מיר האָבן שוין דערציילט, האָט זיך איצט איבערגעחזרט. מיר, די פריינד פון די יידישע שולן אין פּוילן, אַממערסטן „פּוילישע", האָבן דעם ווילנער שול-טוער יוסף גיליגיטש נישט געקענט. בפרט אַז ער האָט די לעצטע 10 יאָר געאַרבעט אויפן שול-געביט אין לעטלאַנד. מיר האָבן זיך פאַר דער דאָזיקער קאַנדידאַטור געוואַלדיק געשראָקן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אַלע אונדזערע ספיקות איבערגעגעבן דער ציש"אָ, אָבער די לעצטע האָט שטאַרק אונטערשטיצט די פּערזאָן פון חבר גיליגיטש.

פונקט ווי בעת דעם ערשטן ציש"אָ-שליח, דעם דיכטער מלך ראַוויטש, האָט מען אויך דאָס מאָל זיך נישט געקאָנט באַרימען מיט קיין גרויסע מאַטעריעלע דערפאָלגן. אָבער דער באָדן איז שוין פון פריער געווען מער צעאַקערט און די פּרוכטן בעסערע. דער פאָרזיצער פון דער שול-אַקציע איז געווען שלמה ווין. דאָס מאָל איז ער שוין געווען זייער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיינע חברים האָבן געהאַט צו אים גרויסע טענות הלמאי ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון אַן אַפּיל, וואָס איז נישט איינגעשטעלט לויטן ציוניסטישן נוסח. אויף דעם האָט שלמה ווין געענטפערט:

— איך קום איצט צוריק פון אַ רייזע אין פּוילן. איך האָב באַזוכט די דאָרטיקע קינדער-אַנשטאַלטן און די מעדעם-סאַנאַטאָריע. די קינדער קומען פון די אָרעמסטע שיכטן און מיין פליכט אַלס ייד איז צו העלפן די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

זאָל בלייבן דער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די פריינד פון יידישן שול-וועזן אין פּוילן האָבן אַלץ געטאָן אַז די אַקציע-הוצאות פונעם שול-דעלעגאַט זאָלן זיין וואָס קלענערע. אַזוי למשל האָט חבר גיליגיטש די גאַנצע צייט פון דער אַקציע געוואוינט ביי די פריינד מאַניע און אברהם הילדעבראַנד. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען בעת דער אַקציע פון פריערדיקן שול-דעלעגאַט מלך ראַוויטש, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי טאָבעלע און יעקב גינטער.

* * *

בעת דער שול-אַקציע האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז ח' גיליגיטש איז נישט בלויז אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר אין אַ שול-אַקציע, נאָר אויך אַ גוטער לערער און פּעדאַגאָג. האָבנדיק אין זינען, אַז די יידישע שול אין מעלבורן נויטיקט זיך אין אַ פאַרוואַלטער, האָבן מיר דער יידישער שול וואַרעם רעקאָמענדירט די קאַנדידאַטור פון יוסף גיליגיטש.

ביים פאַרענדיקן די אַקציע (1938) האָט ח' גיליגיטש געהאַט אַ פּאַרטיקע וויזע קיין קאַנאַדע איבערצונעמען די לייטונג פון יידישן שול-וועזן אין טאָראָנטאָ, אַ גוט באַצאָלטער פּאָסטן. כאָטש די פּראָיעקטירטע שכירות אין מעלבורן איז געווען פיל קלענער ווי די קאַנאַדישע, איז ח' גיליגיטש געבליבן מיט אונדז. ווייזט אויס, אַז די באַציאונגען, סיי דער צוטרוי זענען געווען קעגנזייטיקע.

ווען גיליגיטש האָט זיך באַזעצט אין מעלבורן איז ער שוין געווען נאָענט צו די פופציקער. כמעט דריי צענדליק יאָר איז ער געווען דער פאַרוואַלטער פון דער י. ל. פּרץ-שול. פון די ערשטע דרייסיק קינדער בעת דער גרינדונג איז די שול אויסגעוואַקסן ביז 250 מיט

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

סעפּטעמבער 1977 | נומער 4 (10) | מעלבורן, אויסטראַליע


# סימבאָלן פון אונדזער צייט

## סער זלמן קאָהען

דער העכסטער און בכבודיקסטער אַמט אין אויסטראַליע — איז דער אַמט פון גענעראַל־גובערנאַטאָר — פאַרטרעטער פון דער קעניגין.

דעם דאָזיקן אַמט וועט סער זלמן קאָהען איבערנעמען דעם ערשטן יאַנואַר 1978.

אין זײַן 18־יאָריקער אַקאַדעמישער קאַריערע — אַלס דין פון יורידישן פאַקולטעט אין מעלבורנער אוניווערסיטעט און שפּעטער אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון בריזביינער אוניווערסיטעט, האָט זלמן קאָהען זיך קיין מאָל נישט געפילט אומבאַקוועם מיט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם; אַפילו נישט אין די הייסע 60־קער יאָרן פון סטודענטן־אומרוען אויף די אוניווערסיטעטן, כאָטש אין די אויפברויזן קעגן דער מאַכט פון אוניווערסיטעט האָבן זיך אָפּט געהערט אַנטיסעמיטישע אונטערטענער.

נישט זייענדיק פּאָליטיש אַנגאַזשירט, האָט אים די ליבעראַלע רעגירונג רעקאָמענדירט אויף דעם אַמט — אונטערשטרייכנדיק דערמיט צוטרוי און אָנערקענונג.

טראָץ דעם, וואָס דאָס באַשטימען סער זלמן קאָהען אויף דעם אַמט האָט נישט פאַר ייִדן קיין ספּעציעלע פּאָליטישע באַדייטונג — האָט עס פונדעסטוועגן אָנגעוואַרעמט זייערע נאַציאָנאַלע געפילן. דאָס איז דער אַלטער, איינגעוואָרצלטער געפיל פון גורל געמיינשאַפט. און פאַר וואָס לייקענען: ייִדן זענען שטאָלץ מיט דער דאָזיקער נאָמינאַציע.

## ד״ר מיכאַל שטערן

נאָך 15 יאָר פאַרפאָלגונגען און שיקאַנעס — איז דער ד״ר מעדיצין מיכאַל שטערן אָנגעקומען קיין ישראל.

ער האָט נישט געהערט צו די א״ג „דיסידענטן". ער איז נישט געווען קיין ציוניסט, וועלכער שטרעבט צו פאָרן קיין ישראל.

פאַרקערט: ער האָט גאָר נישט געהאַט בדעה צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ד״ר שטערן האָט בלויז אויסגעדריקט זײַן פּראָטעסט (אין יאָר 1961) ביי דער אָרטיקער מאַכט קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַציאונג צו ייִדישע דאָקטוירים.

זייט דאַן, האָבן די סאָוויעטישע מאַכט־האָבער — אין גוט־באַקאַנטן צאַרישן סטיל פון עלילת־דם — געפּרובירט דעם ד״ר שטערן צוטשעפּען די באַשולדיקונג פון קינדער־מאָרד, געבנדיק אָנצוהערן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזן בלוט־ריטואַל.

אָבער דער וואונדערבאַרער געזונט־צושטאַנד פון „קרבן" און די פּראָטעסטן פון קינדס מוטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו שווער אַראָפּצושלינגען אַפילו פאַר דער ק. ג. ב.

אין 1973 האָט מען זיך ווידער גענומען צום ד״ר שטערן. זיינע צוויי דערוואַקסענע זין האָבן אויסגעדריקט זייער ווונטש צו פאָרן קיין ישראל. נישט געקוקט דערויף וואָס ד״ר שטערן האָט דערקלערט, אַז ער וויל דאָס לאַנד נישט פאַרלאָזן — האָט מען אויף אים אויסגעאיבט אַ דרוק, ער זאָל פועלן ביי זיינע זין, זיי זאָלן רעזיגנירן פון זייער באַשלוס.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. מען האָט אים אַרעסטירט. לויטן צונויפגעשטוקעוועטן באַשולדיקונגס־אַקט האָט ד״ר שטערן גענומען כאַבאַר פאַר מעדיקאַמענטן און פאַרן היילן. פון צווישן 2000 פּאַציענטן האָט מען קוים געקאָנט ביי אַ 40 מענטשן צורעדן, זיי זאָלן זיין „עדות". אייניקע פון זיי האָבן אויפן פּראָצעס דערקלערט, אַז זיי האָבן אַזעלכע באַשולדיקונגען קיין מאָל נישט אונטערגעשריבן.

אָבער ד״ר שטערן איז אין 1975 סיי ווי פאַרמשפּט געוואָרן אויף 8 יאָר אַרבעטס־לאַגער.

* * *

די צוויי פאַלן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט. מיר ייִדן זענען אָרעמער געוואָרן מיט אַן אילוזיע, אַז נאָר אין סאָציאַליסטישע רעזשימען איז דער ייִד גלייכבאַרעכטיקט; אַז אַנטיסעמיטיזם איז די פּריווילעגיע פון בורזשואַזן קלאַס; אַז נאָר סאָציאַליסטישע רעזשימען וועלן אויסוואָרצלען אַנטיסעמיטיזם.

די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז אַנטיסעמיטיזם האָט זיך גאַנץ לייטיש איינגעוואָרצלט אין סאָציאַליסטישן לאַגער.

מ. א.

With Compliments of . . .

# Precision Moulders Pty. Ltd.

620 Chapel Street
South Yarra, 3141
Tel. 24-6444

*Moulders of Renown*

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט


מ. א. — סימבאלן פון אונדזער צייט . . . . . . . . 1
סענדער בורשטין — די פעדאגאגישע אויפטוען פון יוסף גיליגיטש . . . 2
פ. רינגעלבלום — דער לערער פון א דור . . . . . . . . . 6
וו. יאבלאנסקי — צום יארטאג פון דער 2-טער וועלט-מלחמה . . . 7
י. אָרבאַך — יידישע „אויסטראליאנא" 1977 . . . . . . . 9
י. מ. לעווין — געזען מיט אנדערע אויגן . . . . . . . . 11
יהודה סבוראי — דעמאנסטראציע און — וואס ווייטער . . . . . 13
עזריאל נאַקס — יידיש לעבן אין אמעריקע — היינט און מארגן . . 16
דוד וואלפע — יידיש (ליד) . . . . . . . . . . 18
י. מ. לעווין — אין מידבר יהודה (ליד) . . . . . . . . 18
ראזא נעווראדאווסקא — אליינקייט (ליד) . . . . . . . . . . . 19
מ. אייזענבוד — דאס העזעלע אויפן וואנט (דערציילונג) . . . . 19
יצחק קאהאן — יעקב פרידמאן — דער פאעט בחסד עליון . . . . 22
מנשה — פאר פרעמדע זיינד.. (במקום א פעליעטאן) . . . . 27
רחל בעקער — די יידישע ראדיא-אווידיציעס (פעליעטאן) . . . . 28



ארויסגעגעבן דורך דער „סדימה" אין מעלבורן, אויסטראליע

מעלבורן — נומער 4 (10) — סעפטעמבער 1977